ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# טהרת המשפחה

אידיש ואנגלית

451

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

ספר

# טהרת המשפחה

דאָס ריינע אידישע פאַמיליען לעבען

לויט

רעליגיעזען און היגיענישען שטאַנדפונקט


פון

הרב מרדכי אהרן קאַפּלאַן

רב דבית־הכנסת „נחלת צבי"

בניו יאָרק



ניו יאָרק, תרפ"ג

מקדש למזכרת נצח לנשמת אמי מורתי
הצנועה והצדקנית מ' ד י נ ה ר ח ל
בת ר' יחזקאל ז"ל, ששבקה חיים לכל
חי ביום ב', ט"ז טבת, תר"ס

# הקדמה.

די מעהרסטע וועלכע האָבען פאַרפאַסט ספרים איבער „טהרת המשפחה“, האָבען נאָר ארויסגע־בראַכט די דינים וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט נדה, יולדות, זבה, טבילה. זייער צוועק איז געווען נאָר, אַז די פרויען וועלכע געהען אין טבילה און וועלכע היטען שטרענג „טהרת המשפחה“ זאָלען וויסען גאַנץ קלאָהר די דינים וואָס זיינען פאַרבונדען אום אָפּצוהיטען ריכטיג „טהרת המשפחה“ און פאַר דיזען צוועק זיינען די מעהרסטע דינים איבערזעצט געוואָרען אין זשאַרגאָן, אום די פרויען זאָלען דאָס קענען לעזען, און אפילו אין דעם סדור „קרבן מנחה“ וואו די פרוי געפינט דאָרטען איהרע „תחינות“ און בקשות אויף „זשאַרגאָן“, האָט מען אויך אַריינגע־שטעלט אַ „מעין טהור“, אום די פרויען זאָלען דאָס האָבען „ביי דער האַנד“ צו לערנען פון זיי ווי זיך צו נוהג זיין ווען זי איז אַ נדה אָדער אַ יולדת, און אויך ווען זיך צו טובל זיין און ווי אַזוי זיך צו טובל זיין.

די אַמאָליגע גאָטספאָרכטיגע פרויען האָבען ניט געדאַרפט אויפקלעהרונגען איבער דער גרויסער מצוה פון היטען טבילה אָדער אַנדערע מצות פון רעליגיעזען און היגיענישען שטאַנדפּונקט. פאַר זיי

איז געווען גענוג צו געפינען דעם דין אין פליינע „עברי טייטש" אַז אַזוי און אַזוי דאַרף מען טאָן, און עס איז פאַר זיי גענוג געווען. זיי האָבען אָפּ־געהיט דעם דין מיט אַלע דיוקים, מיט דעם גרעסטען מסירות נפש, ווייל גאָט האָט אַזוי געהייסען, און ניטאָ קיין חכמות, צו עס איז יא געזונט פאַר זייער קערפער אָדער עס שאַדעט זייער קערפער. וואָס פאַר אַ ראָלע האָט ביי די אידישע צנועות געהאַט זייער קערפער און געזונט אין דער צייט ווען זיי דאַרפען אָפּהיטען אַ מצוה פון דער תורה? און ביי זיי איז רעכט געווען צו געהן טבילה אין אייז און אין דער צייט פון פרעסט און שטעלען זייער לעבען אין סכנה, אום צו מקיים זיין גאָט'ס וואָרט.

דיעזע פאַרצייטיגע ספרים, געשריבען אין „עברי טייטש" און נאָר די דינים פון נדה און טבילה קענען די היינטיגע פרוי ניט צופרידען שטעלען. אפילו די יעניגע פרויען וועלכע האַלטען „אַ אידישע הויז", און איבערהויפּט די אייניקלעך און אור־אייניקלעך פון די אמאָליגע צנועות, וועלכע לעבען אין איין אַנדער צייט און אונטער אַנדערע אומשטענדען, וועט דער „מעין טהור" אָדער אַנדערע הייליגע ספרים ניט מאַכען צו געהן אין טבילה, זייערע קעפּ זיינען פאַרנומען מיט אַנדערע פראַגען. די געדאַנקען טראַגען זיי אין אַנדערע וועלטען, און אום דיזע פרויען זאָלען וועלען היטען „טהרת המשפחה" מוז מען שאַפען ספרים ניט וואָס ריידען נאָר פון

דינים און מנהגים, זאַנדערן ספרים וועלכע זאָלען זיי אויפקלערען וואָרום נויטיג עס איז אפילו אין דער היינטיגער צייט, וואו עס זיינען דאָ באקוועמ־ליכע וואוינונגען און שעהנע שאוער בעטהס אין די הייזער, דאַרף אויך די מאָדערנע פרוי אָפּהיטען דעם אלטען אידישען הייליגען דין פון נדה און טבילה.

דאָרום האָב איך געפונען פאַר נויטיג אַרויסצו־געבען דיעזען ספר „טהרת המשפחה", וועלכער קלעהרט אויף דער היינטיגער מאָדערנער פרוי סיי פון רעליגיעזען און סיי פון היגיענישען שטאַנד־פונקט, ווי וויכטיג עס איז צו היטען די מצוה פון טבילה און אויך נדה.

איך ברענג אין דיעזען ספר אלע מקורים פון אויפקלעהרונג אין באַצוג צו „טהרת המשפחה" פון רעליגיעזען שטאַנדפונקט און די האַרבקייט פון ניט אָפּהיטען די דינים און דעם עונש וואָס מען קריגט דערפאַר, פון תורה, נביאים, כתובים, תלמוד, מדרשים, זוהר און מפרשי התורה.

אויך ברענג איך ווי ווייט פון היגיענישען שטאַנדפונקט איז וויכטיג, אַז די היינטיגע מאָ־דערנע פרוי זאָל אָפּהיטען די מצוה פון „טהרת המשפחה", ניט נאָר צופרידען שטעלען גאָט און זיין תורה, זאָנדערן צו פּראָטעקטען דער פרוי'ס גע־זונט און צו פאַרלענגערען איהרע יאָהרען און די

יאהרען פון איהרע קינדער. און צו דיעזען צוועק ברענג איך אין דיעזען ספר די מיינונגען פון פראָ־מינענטע דאָקטוירים און וויסענשאַפטסלייט, וועל־כע אנערקענען, אַז דאָס ריינער אידישער פאַמיליען לעבען האָט אויסגעהיט דער אידישער פרוי פון פיעלע קראַנקהייטען און פון אונטערטעניגקייט צו איהר מאַן...

איך האָף צו דעם אַלמעכטיגען גאָט, אַז דיזען ספר וועט געלינגען בעזרת השם אויפצוקלעהרען סיי די פרוי און סיי דעם מאַן, אַז זיי זאָלען לעבען זייער „פאַמיליען לעבען" נאָך די אַלטע געבאָטען פון דער תורה, און זיי זאָלען זיך פיהרען אין די וועגען פון זייערע הייליגע עלטערען, אום צו פראָ־טעקטען זייערע נשמות און אויך זייערע קערפערס.

דורכלעזענדיג דעם גאַנצע ספר וועט דער לע־זער אָדער לעזערין באַקאַנט ווערען אויך מיט גע־וויסע דינים וואָס זיינען פאַרבונדען אום אָפּצוהיטען דאָס ריינעם אידישען פאַמיליען לעבען.

און איך ענדיג די הקדמה מיט די קלוגע באַ־מערקונג פון ר"ש בר יצחק אויף דעם פסוק פון שחורות כעורב און מראהו כלבנון, „כתיב שחורות כעורב וכתיב מראהו כלבנון, ר"ש בר יצחק פתר קריא בפרשיות של תורה אעפ"י שנראות כעורות ושחורות לאומרן ברבים כגון הלכות זיבה ונגעים, נדה ויולדת, אמר הקב"ה הרי הן עריבות עלי, שנא'

וערבה לה׳ מנחת יהודה וירושלים״ (מ״ר מצורע פי״ט). אין איין פלאץ זאגט דער פסוק שווארץ ווי די ראבען און אין אנדער ארט זאגט דער פסוק זיין געשטאלט איז ווי די צעדערבוימער פון דעם לבנון? ר״ש בר יצחק האט דאס אויסגעטייטשט אויף די פרשיות פון דער תורה, וואס אויבערפלעכ־ליך זעהען אוים געוויסע פרשיות, וועלכע באהאנד־לען די דינים פון זיבה ונגעים, נדה און יולדות — מיאוס און שווארץ צו זאגען זיי ברבים, אבער גאט האט געזאגט, פאר מיר זיינען דיעזע פרשיות גראדע זים און אנגענעהם צו זאגען זיי אין דער עפענט־ליכקייט.

מרדכי אהרן ב״ר דוב הכהן ז״ל קאפלאן.

רב דבית הכנסת „נחלת צבי״, ניו־יורק.

ג׳ י״ח אדר, תרפ״ג.

ווייטער פון דער צייט פון איהר נדה, — די גאַנצע צייט פון דעם בלוט-פלוס (זבה) איז די פרוי אומ-ריין פונקט ווי אין דער צייט, ווען זי איז אַ נדה, און זי איז טמא".

„יעדער געלעגער וואָס דיעזע פרוי וואָס איז אַ זבה וועט ליעגען — האָט דעם זעלבען דין ווי דער געלעגער וואָס די פרוי איז געלעגען אין דער צייט וואָס זי איז געוועזן אַ נדה. דאַסזעלבע זיינען די כלים וואָס די פרוי זיצט אויף זיי אין דער צייט ווען זי איז א זבה אומריין פונקט ווי אין דער צייט ווען זי איז אַ נדה".

„יעדער וואָס ריהרט אָן דעם געלעגער אָדער די כלים איז אומריין און מען דאַרף זיך וואַשען אין וואַסער און איז אומריין ביז אָבענד".

„נאָכדעם ווי דער בלוט-פלוס הערט אויף אין די פרוי וועט צעהלען זיבען ריינע טעג, דאַן ווערט זי ריין". (ויקרא, ט"ו).

נאָכדעם ווי די תורה ערקלעהרט די דינים פון אַ נדה און אַ זבה, זאָגט זי אָן יעדען איינציגען, אז מען זאָל טרייען מיט אַלע מעגליכקייטען, אום „אָפּ-צושיידען דאָס אידישע פאָלק פון אומריינקייט, אום זיי זאָלען ניט שטאַרבען פון זייער אומריינקייט ווען זיי וועלען פאַראומרייניגען מיין רוהונג וואָס איז צווישען זיי (ויקרא, ט"ו). אין די העכסטע פאַר-

וערבה לה' מנחת יהודה וירושלים" (מ"ר מצורע פי"ט). אין איין פּלאַץ זאָגט דער פּסוק שווארץ ווי די ראָבען און אין אַנדער אָרט זאָגט דער פּסוק זיין געשטאַלט איז ווי די צעדערבוימער פון דעם לבנון? ר"ש בר יצחק האָט דאָס אויסגעטייטשט אויף די פרשיות פון דער תורה, וואָס אויבערפלעכליך זעהען אוים געוויסע פרשיות, וועלכע באהאַנדלען די דינים פון זיבה ונגעים, נדה און יולדות — מיאוס און שווארץ צו זאָגען זיי ברבים, אָבער גאָט האָט געזאָגט, פאַר מיר זיינען דיעזע פרשיות גראַדע זיס און אנגענעהם צו זאָגען זיי אין דער עפענטליכקייט.

מרדכי אהרן ב"ר דוב הכהן ז"ל קאַפּלאַן.

רב דבית הכנסת „נחלת צבי", ניו-יורק.

ג' י"ח אדר, תרפ"ג.

## פון רעליגיעזען שטאַנדפּונקט

„אַ פרוי אַז זי איז אַ זבה, אַ בלוט־פלוס וועט קומען פון איהר לייב, זיבען טעג זאָל זי זיין אין איהר נדה, און יעדער וואָס ריהרט אָן אין איהר, זאָל זיין אומריין (טמא) ביז אָוועגד".

„יעדע זאַך וואָס די פרוי ליעגט אין דער צייט וואָס זי איז אַ נדה איז אומריין, און יעדער זאַך וואָס די פרוי זיצט איז אומריין".

„יעדער איינציגער וואָס ריהרט זיך אָן דעם געלעגער וואָס די פרוי איז געלעגען, דאַרף וואַשען די קליידער און וואַשען זיך זעלבסט מיט וואַסער און איז אומריין ביז אָבענד".

„אויב אַ מאַנספּערזאָן פאַרקערט מיט אַ פרוי אין דער צייט ווען זי איז אַ נדה, דאַן האָט דער מאַנספּערזאָן די זעלבע אומריינינקייט פון דער פרוי, וועלכע איז אַ נדה, און די אומריינינקייט האַלט אָן זיבען טעג און יעדער געלעגער וואָס ער ליעגט איז טמא".

אַ פרוי וועלכע האָט דורכגעמאַכט די זיבען אומריינע טעג פון נדה און נאָכהער האָט דער בלוט־פלוס אָנגעהאַלטען דריי טעג נאָכאַנאַנד, אָדער די דריי טעג פון דעם בלוט־פלוס וועט זיין איין טאָג

ווייטער פון דער צייט פון איהר נדה, — די גאַנצע צייט פון דעם בלוט-פלוס (זבה) איז די פרוי אומ-ריין פונקט ווי אין דער צייט, ווען זי איז אַ נדה, און זי איז טמא".

„יעדער געלעגער וואָס דיעזע פרוי וואָס איז אַ זבה וועט ליעגען — האָט דעם זעלבען דין ווי דער געלעגער וואָס די פרוי איז געלעגען אין דער צייט וואָס זי איז געווען אַ נדה. דאָסזעלבע זיינען די כלים וואָס די פרוי זיצט אויף זיי אין דער צייט ווען זי איז א זבה אומריין פונקט ווי אין דער צייט ווען זי איז אַ נדה".

„יעדער וואָס ריהרט אָן דעם געלעגער אָדער די כלים איז אומריין און מען דאַרף זיך וואשען אין וואַסער און איז אומריין ביז אָבענד".

„נאָכדעם ווי דער בלוט-פלוס הערט אויף אין די פרוי וועט צעהלען זיבען ריינע טעג, דאַן ווערט זי ריין". (ויקרא, ט"ו).

נאָכדעם ווי די תורה ערקלעהרט די דינים פון אַ נדה און אַ זבה, זאָגט זי אָן יעדען איינציגען, אַז מען זאָל טרייען מיט אַלע מעגליכקייטען, אום „אָפּ-צושיידען דאָס אידישע פאָלק פון אומריינקייט, אום זיי זאָלען ניט שטאַרבען פון זייער אומריינקייט ווען זיי וועלען פאַראומרייניגען מיין רוהונג וואָס איז צווישען זיי (ויקרא, ט"ו). אין די העכסטע פאַר-

ברעכענס געגען מאָראַל און מענשליכקייט ווערט אויך גערעכענט דער פאַרברעכען פון לעבען מיט אַ פרוי אין דער צייט ווען זי איז אַ נדה", „און צו דער פרוי ווען זי איז אין איהרע אומריינע טעג אלס נדה, זאָלסטו זיך ניט דערנעהנטערען, אום צו אויפ־דעקען איהר ערוה" (ויקרא, י"ח).

נאָכדעם ווי די תורה רעכענט אויס די העכ־סטע אונמאָראַלישע פאַרברעכענס, וואָס איינע פון זיי איז צו לעבען מיט אַ נדה, ענדיגט די תורה מיט די פאָלגענדע וואָרנונג: „איהר זאָלט זיך ניט פאַר־אומרייניגען מיט דיעזע אלע הארבע עבירות, ווייל דורך דיעזע אלע פאַרברעכענס זיינען פאַראומריי־ניגט געוואָרען די פעלקער (וועלכע זיינען פריהער געזעסען אין ארץ־ישראל) און איך האָב זיי דורך דעם ארויסגעשיקט פון לאַנד, און דאָס אידישע פאָלק באַזעצט אויף זייער פלאַץ".

„איהר זאָלט היטען מיינע געזעצען און דינים און איהר זאָלט ניט טאָן די אונווירדיגקייט וואָס אלע פעלקער האָבען געטאָן, וואָס דורך דעם האָבען זיי פאַראומרייניגט דאָס לאַנד און זיינען געצוואונ־גען געוואָרען צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד". און דאָס אי־דישע פאָלק דאַרף פון דעם פעלקער־שטראַף אַ לעק־ציאָן נעהמען און האַלטען זיך ריין און ווירדיג, אום זיי זאָלען קענען בלייבען אין לאַנד.

„די אלע יעניגע וועלכע וועלען טאָן דיעזע אומווירדיגע זאַכען וועלען פאַרשניטען ווערען פון זייער פאָלק" (ויקרא, י"ח).

ווי ווייט וויכטיג עס זיינען די פראַגען פון דעם אידישען פאָלק, וועגען ריינע און אומריינע בלוט, איבערצייגען די פאָלגענדע ווערטער פון דער תורה: „ווען עס וועט הערשען אַן אומקלאָרקייט אין דעם דין פון טמא בלוט ביז טהור בלוט, אָדער פון אַ דין זכאי ביז אַ דין חייב, אָדער פון אַ נגע טמא ביז אַ נגע טהור, און די חכמים פון שטאָדט וועלען צווישען זיך ניט זיין איינשטימיג, די וועלען מטמא מאַכען און די וועלען מטהר זיין, די וועלען מחייב זיין און די וועלען מזכה זיין, איז דאָס בעסטע פאָרצוברענגען דיעזע פראַגען פאַר דעם העכסטען טריבונאַל, פאַר די כהנים און שופטים וואָס געפינען זיך אין ירושלים, און וואָס זיי וועלען באַשלאָסען אַזוי מוז דאָס בלייבען".

די תורה רעכענט דאָ אַלס ערשטע די פראַגע „פון טמא בלוט ביז טהור בלוט", דיעזעס איבערצייגט, אַז דיעזע פראַגען האָבען פאַרנומען דעם אויבען אָן אין דעם אידישען רעליגיעזען לעבען, און דאָס פאָלק איז געווען זעהר פאַראינטערעסירט אין דיעזע הויכע שאלות וואָס די חכמים האָבען זיך געקריגט:

דער שטראָף פאַר דעם וואָס לעבט מיט אַ נדה איז זעהר גרויס, וואָס פאַר דעם קומט סיי דעם מאַן און סיי דער פרוי, דער גרויסער עונש פון כרת, „אַז אַ מאַן וועט פאַרקעהרען מיט אַ פרוי וואָס האָט איהר בלוט־פלוס, וואָס דאַן איז זי אַ נדה, און ער האָט אויפגעדעקט איהר ערוה, וואָס דורך דעם איז אויפגעדעקט געוואָרען דער קוואַל פון וואַנען דאָס בלוט קומט, דאַרפען זייביידע פאַרשניטען ווערען פון זייער פאָלק". (ויקרא כ׳).

די תורה ברענגט אויך דעם דין פון טומאה פון אַ געווינערין. „ווען אַ פרוי געווינט אַ זכר, דאַן איז זי אומריין זיעבען טעג ווי אַ נדה, און דריי און דרייסיג טעג זאָל זי זיך פאַרהאַלטען אין איהרע ריינע בלוט, און אין דיעזער צייט טאָר זי זיך אָן קיין היילינגטום ניט אָנריהרען און אין דעם מקדש זאָל זי ניט אַריינקומען, ביז וואַנען די דריי און דרייסיג טעג וועט זיך אויסלאָזען".

„אויב די פרוי האָט געהאַט אַ נקבה דאַן איז זי אומריין צוויי וואָכען און נאָכדעם זאָל זי פאַר־ברענגען זעקס און זעכציג טעג אין די ריינע בלוט" (ויקרא, י״ב).

דער נביא יחזקאל (כ״ב) רעכענט צווישען די גרויסע פאַרברעכענס וואָס דורך דעם איז נגזר גע־וואָרען אויף דעם אידישען פאָלק צו פאַרטריבען

ווערען פון זייער לאנד און זיין אין גלות, דער פאר־ברעכען פון לעבען מיט א נדה: „טומאת הנדה ענו בך" אין דער צייט פון אומריינינגקייט אין דער צייט ווען די פרוי איז א נדה האט מען זי אויך געפייניגט און פארקעהרט מיט איהר".

ווי ווייט א נדה איז געווען אפגעזונדערט אין דער צייט פון איהרע אומריינע טעג, איבערצייגט אונז ירמיהו הנביא ווען ער שטעלט פאר, ווי ווייט ירושלים איז נידעריג און פארהאסט ביי אלע פעל־קער און ער גלייכט איהר צו ווי א נדה, „היתה ירושלים לנדה ביניהם", „ירושלים איז געווארען צווישען די פעלקער ווי א נדה" (איכה א׳, י״ז).

דוד המלך האט זיך געריהמט פאר גאט: „לדוד שמרה נפשי כי חסיד אני (תהלים פ״ו), היט מיין נשמה ווייל איך בין א חסיד", זאגט דער תלמוד אז „דוד האט געזאגט צו גאט, רבונו של עולם, צו דען בין איך ניט קיין חסיד? וואס אלע מלכים פון מזרח און מערב זיצען אין געזעלשאפט מיט זייער פולער עהרע, און איך פארברענג מיין צייט צו פסק׳ענען שאלות און מיינע הענד זיינען איינגעריכט אין בלוט און אנדערע זאכען וואס גע־העמן ארויס פון דער פרוי׳ס קערפער אום צו מטהר זיין דער פרוי צו איהר מאן" (ברכות ד׳), דאס צייגט אז אין דוד׳ס צייטען איז טהרת המשפחה גע־

ווען שטרענג אפגעהיט און מען איז געגאנגען פרע־
גען שאלות וועגען טומאה וטהרה, און דוד המלך
שטאלצירט מיט דעם געגען די אנדערע מלכים פון
די אומות העולם, וועלכע פארברענגען זייער צייט
אין אלע הולטאיסטווא און וואס זייערע פעלקער
זיינען פארזונקען אין א לעבען פון טומאה און
ביי זיי קענען אזעלכע שאלות ניט פארקומען.

רבה בר שמואל זאגט, אז אביגיל (וועלכע איז
געווען פאררעכענט פאר איינע פון די זיבען נביאות
וואס דאס אידישע פאלק האט פארמאגט), איז גע־
קומען צו דוד'ן צו פרעגען א שאלה וועגען איהרע
בלוטען צו זיי זיינען טמא אדער טהור, און דורך
דעם און אויך דורך איהר קלוגשאפט האט זי גע־
רעטעט איהר מאן נבל פון טויט (מגילה י"ד).

דער ענין פון טבילה, וואס די אידישע פרויען
געהען זיך טובל זיין אין א מקוה, וואס מיט דעם
זיינע פארבונדען פיעלע דינים איז אזוי וויכטיג, אז
רב גידל, איינער פון די חכמי התלמוד, פלעגט זיצען
נעבען די אריינגאנגען פון די מקואות און פלעגט
לערנען די פרויען ווי אזוי זיי זאלען זיך טובל זיין,
און איהם האט ניט געארט אויף זיין כבוד אום צו
לערנע די אידישע פרויען דעם הויכען פרינציפ פון
ריינעם פאמיליען לעבען און טבילה. אויך ר' יוחנן
פלעגט זיצען אויף די אריינגאנגען פו די בתי טבילה

אום אַז די פרויען וועלכע געהען אַרויס פון טבילה זאָלען זיך פאַרקוקען אויף איהם אום די פרויען זאָלען האָבען שעהנע קינדער ווי ער (ר׳ יוחנן איז געווען זעהר אַ שעהנער — ב״מ פ״ד) (ברכות כ׳).

ווי ווייט די האַרבקייט פון נדה איז, אַז אפילו אַ פערזאָן וואָס מעג זיין אַ צדיק אין פילע זאַכען, און מעג זיין דער גרעסטער תלמיד־חכם — ווי באַלד ער איז עטוואָס מבטל אין די ענינים פון נדה קריגט ער זיין שטראָף איבערצייגט אונז די פאָלגענדע געשיכטע פון תלמוד: „תנא דבי אליהו דערצעהלט אַ געשיכטע וואָס איז פאַרגעקומען מיט אַ תלמיד וועלכער האָט אַ סך געלערענט און אויך באַדיענט תלמידי חכמים און איז געשטאָרבען גאַנץ יונג, וועלכער האָט מעהר ניט דערגרייכט צו אַ העלפט יאָהרען וואָס אַ מענש דאַרף לעבען, האָט זיין יונגע פרוי פון גרויס צער גענומען זיינע תפילין און האָט זיי אומגעטראָגען אין אַלע שוהלען און בתי מדרשים און האָט אלעמען געפרעגט די שאלה: סטייטש, די תורה זאָגט דאָך „כי הוא חייך ואורך ימיך", אַז די תורה איז דיין לעבען און זי פאַרלענגערט דיינע טעג, מיין מאַן, וואָס האָט אַזוי פיעל געלערענט און באַדיענט תלמידי חכמים וואָרום איז ער געשטאָרבען אין זיינע בעסטע יאָהרען? קיין איינער איז געווען וואָס האָט איהר פאַרענטפערט די

שווערע פראַגע. נאָר איינמאָל, דערצעהלט אליהו, בין איך ביי דיעזע פרוי אלס אורח געווען און דיעזע פרוי האָט מיר אַלעס דערצעהלט און געפרעגט די זעלבע שאלה און איך האָב איהר געפרעגט: טאָכ־טער מיינע! פיליכט האָט דיין מאַן פאַרקעהרט מיט דיר אין דער צייט וואָס דו ביזט געווען אין די ערשטע זיעבען אומריינע טעג? האָט די פרוי געענטפערט: חס ושלום, גאָט באַהיט, ער האָט זיך אפילו אָן מיין קליינעם פינגער ניט אָנגעריהרט. פרעגט אליהו ווייטער, פיליכט האָט דיין מאַן פאַר־קעהרט מיט דיר אין דער צייט, ווען דו האָסט גע־צעהלט די זיעבען ריינע טעג, ווען דו ביזט געווען שוין אָנגעקליידעט אין ריינע זויבערע ווייסע זאַ־כען? דאָ האָט די פרוי געענטפערט, אַז אין די זיע־בען ריינע טעג האָט דער מאַן מיט איהר געגעסען צוזאַמען און געטרונקען צוזאַמען און געשלאָפען מיט איהר גאַנץ נאָהענט, אָבער צו אַ פאַרברעכען איז אויף זיין געדאַנק ניט אָרויפגעקומען צו טאָן. דאַן האָט אליהו געזאָגט צו דער פרוי, געלויבט איז גאָט וואָס האָט איהם דער׳הרג׳עט, ווייל ער האָט ניט געשוינט די תורה וועלכע זאָגט „ואל אשה בנדת טומאתה לא תקרב“, צו אַ פרוי וואָס איז אומריין אין דער צייט ווען זי איז אַ נדה זאָלסטו ניט זיין נאָהענט, סיידען די פרוי געהט אין טבילה, און

ווערט פאַלשטענדיג ריין און ביז דאַן איז זי אַ נדה, און דערפאַר איז דיין מאַן באַשטראָפט געוואָרען צו שטאַרבען פאַר דער צייט". (שבת י"ג, אבדר"נ פ"ב).

אויך אסתר אין דער צייט ווען זי איז געווען אפילו מיט אחשורוש האָט זי אָפּגעהיט די דינים פון טומאה און טהרה און ווי ר' ירמיה זאָגט פלעגט אסתר שיקען שאלות ביי די חכמים וועגען איהר בלוט צו זי איז ריין אָדער אונריין (מגילה י"ג מ"ר אסתר פ"ו).

די פרויען פון די חכמי התלמוד האָבען זיך דערוויטערט פון זייערע מענער אין דער צייט פון זייער אומריינקייט, אַז שמואל'ן פלעגט די פרוי דערלאַנגען אַ כוס מיט דער לינקער האַנד און ניט מיט דער רעכטער האַנד ווי אימער, רבא'ס פרוי פלעגט גאָרניט געבען קיין כוס צו איהר מאַן אין די הענד, זאָנדערן זי פלעגט איהם אוועקשטעלען דעם כוס צוקאָפּענס, רב פפא'ס פרוי פלעגט אוועק־שטעלען דעם כוס אויף אַ בענקעל (כתובות ס"א).

אין דעם מחזור ויטרי ברענגט הרב ר' שמעיה, אַז רש"י הקדוש פלעגט זיך היטען אין דער צייט ווען זיין פרוי איז געווען אומריין אפילו קיין שלי־סעל ניט צו געבען איהר אין האַנד (עי' תוס' שבת י"ג וגם בתוס' כתובות ס"א).

די חכמי התלמוד האָבען געמאַכט אַלע באַקוועמליכקייט פאַר זייערע טעכטער, אום זיי זאָלען היטען טהרת המשפחה. שמואל׳ס פאָטער פלעגט מאַכען אַ מקוה ביי זיך אין הויז אין דעם מאָנאַט פון ניסן און פלעגט די טעכטער ניט לאָזען געהן טובל זיין זיך אין דער טייך פרת, ווייל די מעהרסטע וואַסער פון דעם טייך פרת אין דעם מאָנאַט פון ניסן זיינען פון רעגען וואַסער וואָס רינט פון די דעכער, און די וואַסער פון דעם טייך ווערט מים שאובים, און שמואל׳ס פאָטער פלעגט זיי דארום ניט לאָזען טובל זיין אין דעם טייך פרת און האָט פאַר זיינע טעכטער געמאַכט אַ ספּעציעלע מקוה. און אין דעם מאָנאַט פון תשרי, ווען עס איז ערלויבט צו טובל׳ן אין די טייכען, פלעגט שמואל׳ס פאָטער אויסשפּרייטען ראָגאָזשעס פון שטעקעלעך אין דעם אָפּגרונד פון די טייכען, אום די טעכטער זאָלען זייערע פיס ניט אַריינטרעטען אין ליים און בלאָטע, וואָס דאָס איז אַ חציצה. רבנו תם ערקלעהרט, אַזוי ווי אין תשרי זיינען די טייכען טיעף און שמואל׳ס פאָטער האָט זיך געשראָקען, פיליכט וועלען די טעכטער זיך צואיילען, אום מענשען זאָלען ניט אָנקומען און זעהן זיי נאַקעטע אין טייך, און דערווייל קען זיין, אַז פון צופיעל שנעלקייט ווערט די טבילה ניט זיין ווי עס דאַרף צו זיין, פלעגט שמואל׳ס פאַ־

טער אויסשפּרייטען ראַגאַזשעס אַרום טייך אום מענשען זאָלען זיי ניט קענען זעהן, אום זיינע טעכ־טער זאָלען זיך קענען טובל זיין כדין". (שבת ס"ה, בכורות נ"ה, נדה ס"ז, נדרים מ׳, ועיין שם בתוס׳).

ווי ווייט וויכטיג עס איז פאַר דעם אי־דישען פאָלק, צו היטען די גרויסע מצוה פון טהרת המשפחה, איבערצייגט וואָס דער תלמוד רעכענט די גזירות וואָס מען האָט גוזר געווען אויף דעם אידישען פאָלק, אַז אידען זאָלען ניט היטען שבת און ניט מל'ען די קינדער און אידען זאָלען מבטל זיין דעם איסור פון נדה, ווייל די אידישע שונאים האָבען געוואוסט, אַז דיעזע מצות, שבת, מילה און נדה האָבען בכח אויפצוהאַלטען דעם אי־דישען פאָלק אַלס איינהייט, און ווען דאָס וועט בטל ווערען, דאַן וועט צופאַלען די זעלבסטשטענ־דיגקייט פון דעם אידישען פאָלק אַלס ראַסע און איינהייט.

„איינמאַל האָט די מלוכה גוזר געווען, אַז אי־דען זאָלען ניט היטען שבת, ניט מל'ן די קינדער און לעבען צוזאַמען מיט נדות, איז געגאַנגען רבי ראובן בן איסטרובלי און האָט אָפּגעשאָרען די האָר וואָס איז נעבען זיין שטערן און האָט פאַרלאָזען די האָר וואָס איז אויף זיין נאַקען אום ער זאָל אויס־זעהן פונקט ווי איינער פון די פעלקער צווישען

וועלכע ער האָט געלעבט און איהם איז געלונגען צו קריגען פון די פיהרער דעם צוטרוי — און דאַן האָט ער די פיהרער פון דער מלוכה געפרעגט: ווען איינער האָט אַ פיינד וויל ער אַז זיין פיינד זאָל אָרעם ווערען אָדער רייך ווערען? האָבען זיי איהם געענטפערט: „געווים וויל מען אַז דער פיינד זאָל פאַראָרימט ווערען. האָט דאַן צו זיי ראובן געזאָגט, אויב אַזוי, וואָרום צווינגט איהר די אידען זיי זאָלען אַרבייטען שבת, זיי וועלען דאָך רייך ווערען! לאָזט בעסער די אידען שבת רוהען, וועלען זיי דאָך אָרים ווערען. און די אידישע שונאים האָבען מבטל געמאַכט זייער גזירה און אידען האָבען גע־מעגט רוהען שבת. נאָכדעם האָט זיי ר' ראובן גע־פרעגט: ווען איינער האָט אַ פיינד, וויל ער אַז זיין פיינד זאָל ווערען שוואַך אָדער ער וויל זיין פיינד זאָל זיין שטאַרק? האָבען זיי געענטפערט, געווים וויל מען אַז דער פיינד זאָל זיין שוואַך. אויב אַזוי, זאָגט ר' ראובן, וואָרום האָט איהר גוזר געווען אויף די אידען, אַז זיי זאָלען ניט מל זיין זייערע קינדער? פאַרקעהרט, זאָלען זיי יאָ מל זיין זייערע קינדער און פאַרלירען בלוט, וואָס דורך דעם וועלען זיי אָפּ־געשוואַכט ווערען. די אידישע שונאים איז געפע־לען געוואָרען די עצה פון ר' ראובן און זיי האָבען

מבטל געמאַכט זייער גזירה, און אידען האָבען שוין געמאָגט מל זיין זייערע קינדער.

נאָכדעם פרעגט זיי ר׳ ראובן, אַז איינער האָט אַ פיינד וויל ער אַז דער שונא זאָל זיך מעהרען אָדער ווינציגער ווערען? געווים אַז דער שונא זאָל ווינציגער ווערען! האָבען געענטפערט די פאַרטרעטער פון דער מלוכה. אויב אַזוי, איז דאָך בעסער אַז אידען זאָלען ניט טאָרען לעבען מיט נדות, דערוויל ווערען זיי דאָך ווייניגער אין צאָהל. און זיי האָבען איינגעשטימט צו ר׳ ראובן׳ם עצה און זיי האָבען מבטל געמאַכט זייער גזירה אַז אידען זאָלען ניט היטען די דינים פון נדה. נאָכדעם האָבען זיך די פאַרטרעטער פון דער מלוכה דערוואוסט, אַז דער ר׳ ראובן איז גאָר אַ איד און ער האָט זיך מעהר ניט פאַרשטעלט פאַר אַ גוי און האָבען איבער אַ נייעם באַנייט די גזירות. (מעילה י״ז).

אויך רעכענט די משנה וואָרום עס שטאַרבען פרויען אין דער צייט ווען זיי געהען צו קינד, ווייל די פרויען היטען ניט די מצוה פון נדה.

„צוליעב דריי זאַכען שטאַרבען פרויען אין דעם צייט פון געווינען קינדער, ווייל זיי היטען ניט די דריי מצוות וואָס עס איז געגעבען געוואָרען ספּעציעל צו די פרויען: נדה, חלה, און הדלקת הנר. (שבת ל״א, ב׳).

די אידישע פרויען האָבען געהאַלטען פון די הייליגקייט פון טהרת המשפחה אַזוי גרויס און האַרב, אַז זיי האָבען מדקדק געווען מעהרער ווי פיעל דער דין זאָגט זיי אָן. „ר' זירא זאָגט, די אידישע טעכטער האָבען מחמיר געווען אויף זיך, אַז אפילו אויף דעם קלענסטען פלעק פון בלוט פלעגען זיי זיצען זיעבען ריינע טעג" (נדה ס"ו, ברכות ל"א, מגילה כ"ח).

דער עונש צו לעבען מיט אַ נדה איז אַזוי האַרב אַז די חכמים האָבען פאַרוואָרט דעם מאַן צו קומען אין באַרירונג מיט זיין פרוי אין פיעלע זאַכען, אין דער צייט וואָס זי איז טמא. „ואל אשה בנדת טומאָתה לא תקרב", וואָלט איך וועלען מיינען אַז דער מאַן מעג זיין פרוי קושען און האַלדזען און רעדען מיט איהר זאַכען וואָס ברייגגען צו צו פיעל נאָהענטקייט, דאַרום זאָגט די תורה „לא תקרב" אַז זאַכען וואָס קענען ברענגען צו צו פיעל נאָהענטקייט דאַרף מען זיך דערווייטערען... (אָבות דר"נ פ"ב).

לא יאכל הזב עם הזבה מפני הרגל עבירה (שבת י"א), איין „זב" מיט אַ „זבה" טאָרען ניט עסען צוזאַמען ווייל דיזעס ברענגט צו איין עבירה...

נטיעה מקטע רגליהון דקצביא ודבועלי נדות (ביצה כ"ה). די פלאַנצונג פון "ערלה„ וואָס די תורה האָט געהייסען וואַרטען דרייא יאָהר וואָס מען טאָר

די פרוכט ניט עסען — דיזעס האַקט אונטער די פיס פון קצבים, וועלכע האָבען קיין געדולד צו וואַרטען ביז וואַנען מען וועט „בדק'ענען" צו זעהן צו די פלייש איז כשר, זאָנדערן זיי עסען די פלייש בעפאָר מען איז בודק. און אויך האַקט אונטער די פיס פון די יעניגע מענשען וואָס האָבען קיין געדולד צו וואַרטען ביז וואַנען זייערע פרויען וועלען געהן טבילה, זאָנדערן זיי צווינגען זייערע פרויען צו לעבען מיט זיי ווען זיי זיינען נאָך אומריין פון דם הנדה.

אויף די ווערטער פון ר' אליעזער בן חסמא „קינין ופתחי נדה הן הן גופי הלכות", זאָגט רש"י הקדוש „אז דער עיקר פון דער תורה זיינען די דינים פון נדה און וסתות, און ביידע זאָלען זיי ניט זיין לייכט, זאָנדערן מען מוז אויף זיי גוט אכט נעמען, אום אָפּצוהיטען זיי, ווייל דיזע דינים זיינען זעהר הארב און טיעף". (אָבות פ"ג, י"ח).

מיט יאָהרען צוריק איז אַרויסגעקומען מר. הערמאַלין אין דער „וואַרהייט„ מיט אַן אַרטיקעל אַזוי ווי היינטיגע צייטען, ווען אין די מעהרסטע הייזער פון די מאָדערנע לענדער געפינען זיך שאָוער באַטס און אנדערע באַקוועמליכקייטען, איז דער דין פון טבילה אין גאַנצען בטל, און אַפּילו פון רעליגיעזען שטאַנדפּונקט דאַרפען אויך די פרויען ניט

געהן נאָר אין אַ מקוה, ווייל דער גאַנצער דין פון געהן נאָך די אומריינע טעג אין אַ מקוה, שטאַמט פון די גאַנץ אַלטע צייטען, ווען באַטהס זיינען גע־ווען אַ זעלטענהייט און אום די פרוי זאָל זיך האַל־טען ריין האָט די אידישע רעליגיאָן געפאָדערט צו מאַכען אַ מקוה, אָבער היינט, ווען עס איז דאָ באַטהס אין די הייזער מיט אַלע פאַרגעניגענס פון ריינליכקייט, איז דער דין פון טבילה בטל ומבוטל.

און אזוי ווי מר. הערמאַלין איז דאָן אַרויס אין דער עפענטליכקייט אַלס „פוסק" אין נאָמען פון דער אידישער רעליגיאָן, אַז היינט איז גאָר נישטאָ דער דין פון טבילה, און אויך ווייל עס איז דאָ צום באַדויערען טויזענדע מענער און פרויען וועלכע דענקען אַזוי ווי מר. הערמאַלין, און דאַרום געהט ניט די גרעסטע טהייל פון די אידישע טעכטער אין טבילה, האָב איך דאָן געענטפערט מר. הערמאַלינען אין די „וואַרהייט" מיט אַ ספעציעלען אַרטיקעל און אויפגעצייגט זיין טעות, אַז נאָך דעם אידישען דין העלפען ניט קיינע באַטהס אָדער אַנדערע מיטלען, און די פרוי בלייבט אַ נדה, און טראָגט אויף זיך דעם גרויסען שטראָף פון כרת, סיידען זי געהט אין אַ כשרה מקוה און איז זיך טובל כדין וכדת התורה.

די תורה זאָגט, אַך מעין ובור מקוה מים יהי׳ טהור (ויקרא י״א) אַז נאָר אין אַ קוואַל אָדער אַ

גרוב וואס די וואסער האט זיך פון זיך זעלבסט פאר־
זאמעלט קען מען זיין טהור.

דער אידישער דין פאדערט, אז עס מוז זיין א
מקוה פון פערציג סאה, און אויב עס פעהלט עט־
וואס צו דיעזער מאס איז די מקוה פסול, אין די
פערציג סאה וואסער אין דער מקוה טאר ניט זיין
קיין מים שאובים — אנגעשעפטע וואסער, די וואַ־
סער דארף קומען בידי שמים, פונקט ווי די וואסער
קומט אין קוואל (שו"ע יו"ד סי' ר"א).

דער רמב"ם, וועלכער איז געווען דער גרע־
סטער גאון אין תלמוד און הלכה, און אויך דער גרוי־
סער פילאזאף און דער גרויסער מעדיצינער — און
דער רמב"ם זאגט „אז די פרוי געהט ניט ארויס
פון איהר אומריינקייט ווען זי איז א נדה מיט דעם
וואס זי וועט זיך וואשען אין פארשידענע בעדער,
ווען אפילו די פרוי האט אויף זיך געבראכט אלע
וואסערען פון דער וועלט, בלייבט זי אלץ אין איהר
אומריינקייט און דער וואס לעבט מיט איהר איז
חייב כרת, סיידען די פרוי איז זיך טובל אין א
כשר'ע מקוה אדער אין א קוואל כדין" (רמב"ם
בפי"א מהא"ב).

„והדוה בנדתה" האבען די ערשטע זקנים גע־
מיינט צו זאגען, אז די פרוי זאל זיך ניט טארען
פארבען דעם געזיכט און די אויגען און ניט פוצען

זיך מיט שעהנע געפארבטע קליידער אין דער צייט ווען זי איז א נדה, ביז וואנען ר׳ עקיבא איז געקו־מען און ער האט געלערענט, אויב מען וועט אזוי טאן, וועט דאך די פרוי פאר׳מיאוס׳ט ווערען אויף דעם מאן און דורך דעם קען קומען צו א גט, זאנ־דערן דער פשט פון והדוה בנדתה מיינט נאך ר׳ עקיבא נאך, אז די פרוי בלייבט א נדה כל זמן זי געהט ניט אין מקוה זיך טובל צו זיין״ (שבת ס״ד).

„ורחץ במים״ מיינט די תורה צו זאגען, אז מען דארף האבען נאר א מקוה וואו דער גאנצער קערפער קאן אריינגעהן, און דארום דארף די מקוה זיין די גרוים איין אייל אויף איין אייל און די הויך דריי איילען (ווייל אזוי איז די גרויס פון דעם גע־ווערנליכען מענשען, אין די גרעב מיט די קליידער איין אייל און אין די הויך אויסערן קאפ דריי איילען) און די חכמי התלמוד האבען משער געווען, אז פערציג סאה וואסער פארנעהמט דיעזע שעור. (חגיגה י״א, ועי׳ שם בתוס׳; עירובין י״ד, פסחים ק״ט, יומא ל״א).

פון די אלע מאמרים און דינים זעהט מען ארויס, אז דער דין פון טבילה איז ניט געמאכט גע־ווארען נאר פאר די אלטע צייטען, נאר די דינים פון טבילה זיינען פאר אימער און עוויג ווי אלע גרויסע מצות פון דער תורה, פאר אלע צייטען און

פאַר אַלע פלעצער, און אַ אידישע טאָכטער איז אַנ-דערש ניט ריין פון נדה, סיידען זי איז זיך טובל אין אַ מקוה אָדער אַ מעין.

* * *

אויך אין פאַרשידענע מדרשים געפינען מיר די האַרבקייט פון נדה. "די מצריים זיינען באַ-שטראָפט געוואָרען מיט בלוט, ווייל דאָס איז מדה במדה, ווייל זיי פלעגען ניט לאָזען די אידישע טעכ-טער זיך טובל זיין פון זייער אומריינקייט פון דם הנדה" (ש"ר סי' ט').

"דער וואָס געהט צו זיין פרוי אין דער צייט פון נדה מאַכט ער זיינע קינדער פאַר מצורעים" (ויק"ר פי"ד).

„יעדער זאַך וואָס אידען האָבען זיך געלאָזען מוסר נפש זיין ווי שבת, מילה, טבילה, האַלט זיך נאָך ביי זיי" (מכלתא פ' תשא).

„גאָט זאָגט, צו ערלה וואַרטסטו דריי יאָהר, און דו עסט ניט דריי יאָהר נאָכאַנאַנד די פרוכט פון דעם בוים, און ווען עס קומט צו דיין פרוי, ווען זי איז אומריין, האָסטו קיין געדולד ניט צו וואַרטען ביז וואַנען זי ווערט ריין" (מ"ר במדבר פ"ו).

„אויב דיין פרוי זאָגט דיר אַז זי איז אַ נדה, פאַרזינדיג ניט דיין קערפּער און זאָלסט זיך ניט אָנריהרען אָן איהר, און דו זאָלסט זיך ניט פאַר-

ענטפערען פאַר דעם מלאך וואָס איז אויפגענומען אויף דעם געשטאַלט פון קינד — אַז איך האָב ניט געוואוסט, ווייל מיט דיעזע רייד וועסטו גאָט אריינברענגען אין צאָרען און ער וועט דיינע קינ־דער באַשטראָפען מיט צרעת" (מ"ת פ' תשא).

„עלית למרום לקחת מתנות באדם, זאָגט ר' זעירא, אַז דאָס מיינט מען די דינים וואָס זיינען זיך נוהג ביי מענשען, ווי זב אָדער זבה און דאָס האָט משה אַ מתנה פון הימעל געקראָגען" (מד"ת פ' תשא).

„סוגה בשושנים", פאַרצוימט מיט רויזען (שיר השירים ז' ג'). וואָס הייסט, אַ מענש וועט מאַכען אַ צוים פון רויזען? דער שטייגער איז, אַז אַ מענש מאַכט אַ צוים פון דערנער, פון שטעכעלקעס און פון גראָבענס. וואָס זשע הייסט זי איז פאַרצוימט מיט רויזען? דער טייטש איז, אַ מענש גלוסט צו דערלעבען שטעהן אונטער זיין חופה, אָבער ווען ער דערנעהנטערט זיך צו איהר זאָגט זי איהם: „איך האָב געזעהן עפּעס רויטס ווי אַ רויז" (טפת דם נדה) שיידט ער זיך באַלד אָפּ, קעהרט זיך אום מיט'ן פנים צו איין זייט און זי קעהרט זיך אָפּ מיט דעם פנים צו דער אַנדער זייט. ווער האָט דאָס איהם אָפּגעשיידט פון איהר? וואָס פאַר אַ שלאַנג האָט איהם אַ ביס געטאָן? וואָס פאַר אַן עקדיש האָט

איהם מזיק געווען? וואָס פאַר אַ צוים איז אַוועק־געשטעלט געוואָרען צווישען זיי? ניט מעהר ווי די ווערטער פון דער תורה: „און צו דער פרוי אין איהר אומריינקייט פון נדה זאָלסטו זיך ניט דערנהענטערען" (ויקרא י"א, י"ט) דאָס מיינט דער פסוק „סוגה בשושנים", זי איז פאַרצאַמט מיט רויזען. (מדרש תנחומא פ' תשא).

איינע פון די דריי זאַכען וואָס גאָטעס שכינה ווערט פאַרטריבען פון דער וועלט, רעכענט דער זוהר הקדוש, איז נדה.

„דריי זאַכען זיינען דאָ וואָס פאַרשטויסען די שכינה פון דער וועלט, און וועלכע ברענגען מיט, אַז גאָט־ברוך־הוא זאָל זיך דערווייטערען פון דיזער וועלט, וואָס דורך דעם ליידען די מענשען און שרייען צו גאָט — אָבער זייער געשריי ווערט ניט געהערט—און דאָס זיינען זיי: דער וואָס פאַרקעהרט מיט אַ נדה, ווייל עס איז נישטאָ קיין שטאַרקערע אונווירדיגע זאַך, ווי די טומאה וואָס עס הערשט אויף אַ נדה. די אונריינקייט פון דער נדה איז שווערער פון אַלע אונריינקייטען וואָס אויף דער וועלט קען געבען. און די פערזאָן וואָס לעבט מיט אַ נדה ווערט פאַראומווירדיגט און אַלע וואָס קומען מיט דיזען פערזאָן אין באַריהרונג, ווערען גלייך מיט איהם, און וואו זיי געהען און געפינען זיך,

טרעט אַפּ די שכינה, און זיי ברענגען די גרעסטע שלעכטס אויף זיך און אויף זייערע קינדער וואָס זיי געבוירען, ווייל דורך דעם פאַרברעכען פון די על־טערען ווערט דעם געשאַפענעם קינד'ס גייסט פאַר־אומרייניגט און דער יסוד זיינער פאַראומרייניגט.„ (זוהר הקדוש פ' שמות).

„מיט וואָס קענען אידען זוכה זיין צו מקבל זיין די שכינה, איז נאָר דורך דעם וואָס זיי היטען זיך פון דעם אסור נדה.“ (זוהר בשלח).

„אידען זיינען אַן ערהאַבענעם פאָלק, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען געווען אין גלות מצרים פאַר־שקלאַפט, פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך אויסגע־היט פון דעם אסור נדה“. (זוהר שמות).

דער „רמב"ן„ — רבינו משה בן נחמן, וועלכער האָט געלעבט מיט זיבען הונדערט יאָהר צוריק, און וועלכער איז געבאָרען געוואָרען מיט צעהן יאָהר פריהער ווי דער רמב"ם — רבינו משה בן מימון, איז געשטאָרבען, און וועלכער איז געווען נאָך דעם רמב"ם דער גרעסטער זייל וואָס אידען האָבען גע־האָט ארויסצוקוקען צו איהם אין לערנונג און אין הילף, און דער רמב"ן אין זיין פירוש אויף דער תורה זאָגט דאָס פאָלגענדעס וועגען דער נדה:

„די פרוי אין דער צייט ווען זי זעהט בלוט ווערט אָנגערופען נדה, ווייל מענשען דערווייטערען זיך

פון איהר פונקט ווי פון א מנודה, און זי פלעגט זיצען אליין און קיינער האט מיט איהר ניט גע־רעדט, ווייל איהר ווארט איז ביי זיי אויך געווען אומריין, און אפילו די ערד וואס זי האט געטראטען איז געווען פונקט ווי די ערד פון א קבר וואס א מת איז דארטען צופוילט געווארען, אפילו איהר קוק, האבען זיי געגלויבט, איז אויך מזיק, און עס איז געווען דער מנהג פון נדות צו זיצען פאר זיך אין הויז, און דארום איז געווען דער ענטפער פון רחל'ן צו איהר פאטער: „כי דרך נשים לי", ווייל זייער איינפיהר איז געווען ניט צו געהן און ניט צו טרעטען אין דער צייט פון נדה אויף דער ערד„ (רמב"ן ויק"ר י"ב פסוק י"ד).

„ואל אשה בנדת טומאתה", דער פסוק האט גע'אסר'ט די נדה צוליעב דעם, ווייל די תורה האט ניט מתיר געמאכט צוזאמענצוקומען מיט דער פרוי נאר צוליעב קינדער האבען — און אזוי ווי דער קינד ווערט באשאפען פון די בלוט פון דער פרוי, אין גאנצען אדער אממעהרסטען, און פון די בלוט פון דער פרוי וואס איז א נדה, קען גארנישט בא־שאפען ווערען, ווען אפילו זי זאל קענען שוואנגער ווערען פון אנדערע בלוט, נאר דער קינד זאל זיך שפייזען פון דעם דם הנדות — וועט דאס דעם קינד טויטען".

די דאָקטוירים האָבע דאָס שוין לאַנג דערמאָנט אַז ווען אפילו דאָס קינד זאָל געשפייזט ווערען פון די בעסטע בלוט, און זיין גאַנצע שפייז זאָל זיין פון גוטע געזונטע בלוט, נאָר עס זאָל זיך עטוואָס פון דם הנדות אריינמישען אין די ריינע בלוט — מאַכט די ביסעל בלוט פון דם הנדה אַזא עפעקט אויף די גוטע בלוטען, אַז זיי ווערען איינגעזייערט און דאָס קינד ווערט געבאָרען מיט קרעץ און אַנדערע אויסשלאַגען".

„אויך נאָך די אויפקלעהרונג פון אונזערע חכמים אויב עס בלייבט עטוואָס בלוט פון נדה אין קערפער מוז דאָס קינד געבאָרען ווערען אַ מצורע, פון די אַלע זאַכען איז צו זעהן, אַז זעהר גוט איז דער פאַרבאָט ניט צו לעבען מיט אַ נדה".

„און מען האָט נאָך געזאָגט אַן אמת'ן אויספרובירטען מיטעל וואָס דאָס איז דער וואונדער פון גאָט—אַז די נדה אין דעם אָנפאַנג פון איהר בלוטפלוס אויב זי וועט קוקען, פאַר אַ לאַנגע צייט, אין אַ דורך זעהענדע אייזערנע מעטאַל, וועט מען נאָכדעם זעהען אויף דעם מעטאַל רויטע טראָפּענס, פונקט ווי טראָפּענס בלוט, ווייל די שלעכטע נאַטור וואָס עס געפינט זיך אין דער פרוי צו יענער צייט ווען זי איז אַ נדה, ווירקט אויף אַלעם און דורך דעם צייגט די רויטע טראָפּענס אויף דעם מעטאַל.

פונקט ווי עס זיינען דא געוויסע באשעפענישען, וואס טויטען מיט זייער קוק, און געווים אהן שום ספק, אז די פרוי וואס איז א נדה און דער מאן לעבט מיט איהר אין דיעזע אומריינע צייט, אז עס זאל זיך באהעפטען איהר קערפער און געדאנק אין זיין קערפער און געדאנקען — און דעריבער זאגט דער פסוק ותהי נדתה עליו, אז איהר שעדליכקייט פון נדה פאלט אויף דעם מאן„.

„און דעריבער רופט מען דאס טומאת הנדה, ווייל דאס איז אמת'ע טומאה ווי א שרץ און אזוי ווי א מצורע וואס די טומאה ליעגט אין זייערע קער־פערם".

„דעריבער איז רעכט וואס די תורה זאגט, את מקורה הערה והיא גלתה את מקור דמיה, ווען דער מקור איז אומריין איז ניט מעהר ווי רעכט, אז דער מקור זאל זיין באהאלטען און ניט אויפגעדעקט, וואס דאס איז זעהר מזיק, ביז וואנען די פרוי איז זיך טובל אין א מקוה, וואס דאן ווערט די פרוי פאלשטענדיג ריין אפילו אין איהר געדאנקען" — (רמב"ן ויק"ר י"ח, פסוק י"א).

דער רמב"ם ברענגט „דעם אונטערשייד פון דעם דין נדה ביז די מנהגים פון די אנדערע אזיאטישע פעלקער פון זיין צייט, וועלכע האבען איינגעפיהרט אז זייערע פרויען ווען זיי זיינען אומריין זאלען זיין

אליין אפגעזונדערט אין הויז, און מען זאל פאר־
ברענען די פלעצער אויף וועלכע די פרוי איז גע־
גאנגען, און דער וואס רעדט מיט דער פרוי זאל
אויך זיין אומריין און אויב אפילו א ווינד איז אריי־
בער א נדה און א ריינעם מענשען ווערט דער ריי־
נער מענש אויך אומריין, אנדערש איז אבער דער
אידישער דין פון נדה, וועלכער דער תלמוד זאגט
„כל מלאכות שהאשה עושה לבעלה נדה עושה
לבעלה", אלע ארבייטען וועלכע א פרוי טהוט פאר
איהר מאן איז די נדה אויך ערלויבט צו טהאן צו
איהר מאן און עס איז מעהר ניט פארווערט פאר
דעם מאן צו זיין צוזאמען און לעבען אלס מאן און
פרוי (מורה נבוכים ח"ש פ' מ"ז).

דער בעוואוסטער גרויסער צדיק און גאון ר'
ישראל מאיר הכהן שליט"א פון ראדין, וועלכער איז
בעסער בעקאנט צו דער וועלט אונטער דעם נאמען
„חפץ חיים", שרייבט די פאלגענדע מוסר ווערטער
אין זיין ספר „טהרת ישראל", וועלכע איך ברענג דא
אין זיין זשארגאנישען אריגינאל.

„גרויס איז דער חוב אויף די עלטערע פרויען,
די מוטער פון די יונגע פרויען, זיי זאלען פיעל אכטונג
געבען אויף דעם און ניט בענוגענען זיך מיט איין
מאל ריידען, ניט אזוי, זי איז מחויב צו טאהן מיט
אלע קרעפטען ביז זי וועט איינגעוויינען איר קינד

היטען די זאך ווי דער דין איז, זי דארף זיך בערעכע־
נען ווען איר טאכטער וואלט געווען אין איין אנדער
געפאר דהיינו אין איין געפערליכע קראנקייט וויפיעל
קרעפטען לייגט א מוטער צו רעטירען איר קינד?
זי רוהט ניט, זי שלאפט ניט, זי זוכט אלע מיטלען
איהר געזונד פערשאפען. דאקטוירים, מעדעצינען,
ווען די טאכטער פון גרויס היטץ וויל קיין מעדעצין
ניט נעמען, שטייט די מוטער און וויינט מיט טרע־
רען, מיין טאכטער, האב רחמנות אויף זיך און אויף
מיר און נעם די מעדעצין, נוא פאר וואס זאל זיין
ערגער אזא געפערליכע זאך, וואס די הייליגע תורה
זאגט אז דורך דעם איז דעם מענטשענס לעבען אין
געפאר. די פרוי מיטען מאן צוזאמען אויך די קינדער.
אויסער וואס עס איז א רעכענונג אין יענע וועלט
בעזונדער, היינט דא אזא שרעקליכען געפאר וויא
קען דאס די מוטער רוהען (און דאס וואס מען זעהט
פיהל מאהל וואס די מענטשען זענען מפקיר דעם
איסור און לעבען?! זאל קיין קשיא ניט זיין. ווא־
רום דאס זאגען אונז שוין רבותינו ז"ל אז אמאהל
האלט אב א זכות, אמאהל ווערט דאס אפ געלייגט
אויף יענער וועלט, אבער פיעל מאהל ווערט בע־
צאהלט דא אין דיזע וועלט). וויא קאן דאס א מוטער
רוהיג שלאפען אז איהר געטרייא קינד שטעלט זיך
אין אזא געפאר זיך מיט די קינדער, און דאס אויך,

די קינדער וואָס ווערען געבאָרען אָן טבילה זענען זייא רשעים, מורדים ופושעים, ווי די הייליגע גמרא זאָגט אונז, אַז אוי און ווייא צו דעם פאָטער און מוטער אַז זייערע קינדער זאָלען ברייגנען אַזאַ דור אויף דער וועלט, אַלזאָ איז אַ פארפליכט אויף יעדען פאָטער און מוטער מיט אַלע קרעפטען זעהן אַז ביי זייערע קינדער זאָל דאָס ניט זיין כדי היטען זיי פון אַזאַ געפערליכע זינד פון כרת ר"ל און אויך בכדי עס זאָל פון זיי ארויס קומען אַ יודישער דור מיט הייליגע נשמות עס זאָל זיין צו אַ זכות פאַר זיי מיט דיא עלטערען אייביג. אויך ליגט אַ פליכט אויף פרומע יודישע פרויען אין יעדער שטאָט זיי זאָלען אריין טראַכטען אין דעם און טאָהן וואָס זיי קענען, וואָס פיעל ווערען נכשל אין די גרויסע עבירה פון ניט וויסען די דינים. און די יודישע פאָלק וועלען בלייבען ביי זייער הייליגקייט עוויג, אָמן כי"ר.

## פון היגיענישען שטאַנדפונקט

ד"ר חיים ספיוואַק, איינער פון די וויכטיגסטע דאָקטוירים אין אַמעריקא און אַ גרויסער תלמודיסט האָט געשריבען פיעלע אַרטיקלען אין דעם אידישען „פאָרווערטס" איבער אריכת ימים (לאָנג לעבען) וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין די זונטאַגדיגע נומערען (פון אַפריל דעם 2טען ביז סעפּטעמבער

דעם 10טען, 1922), וואו ד"ר ספיוואק האָט זיך באַ־
מיהט אַרויסצובּרענגען דעם גרונד געדאַנק, אַז די
אידען וועלכע האָבען געגלויבּט אין תורת משה און
האָבען אויסגעפאָלגט איהרע דינים האָבען ממילא
געהאַט אמונה, אַז ווען מען היט אָפּ באַוואוסטע
רעליגיעזע פאַרשריפטען קען מען דערגרייכען ביז
אַ הויכען עלטער. איינינע פון די רעליגיעזע פאַר־
שריפטען, האָט ד"ר ספּיוואַק באַוויזען, זיינען ריין
היגיענישע, דאָס הייסט, זיי האָבען צו טאָן נאָר
מיט רייגליכקייט און געזונדהייט.

איינינע אַרטיקלען האָט ד"ר ספיוואַק געוויד־
מעט צו די „אידישע דינים פון ריינקייט פאַר פרוי־
ען און די אידישע געזונדהייט", וואו ד"ר ספּיוואַק
ברענגט אַרויס גאַנץ קלאָהר די וויכטיגקייט פאַר
דעם געזונד פון די אידישע פרויען, אַז זיי זאָלען
אָפּהיטען, די דינים פון טהרת המשפחה, וואָס עס
געפינט זיך אין תורה שבכתב און אויך אין תורה
שבעל פה.

ד"ר ה. ספּיוואַק, ווי ער אליין שרייבּט, איז אַ
ראַדיקאַל, און איז ווייט פון צו זיין פאַררעכענט
פאַר רעליגיעז, און מיט זיין שרייבען אין דעם ראַ־
דיקאַלען „פאָרווערטס", וואָס איז באַוואוסט מיט
זיין געגנערשאַפט געגען רעליגיאָן אין אַלגעמיין,
פאַרשטעהט מען, אַז ד"ר ספּיוואַק איז מיט זיינע

„ארטיקלען" ניט אויסען געווען צו פרעדיגען, אז די פרויען זאלען אפהיטען „טהרת המשפחה" ווייל זיי וועלען מקיים זיין א גרויסע מצוה פון דער תורה, זאנדערן ד"ר ספיוואק האט געשריבען זיינע ארטיקלען פון ריין היגיענישען און געזונדהייטס שטאנדפונקט, און דארום זיינען ד"ר ספיוואק'ס מיינונגען זעהר אינטערעסאנט און באלעהרענט און איך געפין פאר נויטיג זיי צו ברענגען אין מיין ספר „טהרת המשפחה".

„די ביבעל באווארענט די פרוי נאך מיט גרעסערער אויפמערקזאמקייט ווי דעם מאן בנוגע צו ריינליכקייט. א פרוי מוז דורכמאכען אין איהר לעבען צוויי פיזיאלאגישע פונקציעס, וועלכע זיינען איהר אייגענטימליך און פון וועלכע דער מאן איז אינגאנצען באפרייט. די ערשטע פיזיאלאגישע פונקציע איז אונטער פארשידענע נעמען: מענסטרואציע, די צייט, מאנאטליכע, די פעריאדע, און באשטעהט פון א פעריאדישען בלוט פארלוסט. די צווייטע פונקציע איז צו ווערען א מוטער, וועלכע באשטעהט פון דריי שטופען: דאס פארגעהן אין טראגען, די שוואנגערשאפט און דאס „געלעגען" ווערען.

די ביבעל זאגט, אז די פרוי איז טמא, אומריין, אין דעם משך פון די צוויי פונקציעס — בעת זי האט

די צייט און ווען זי ליעגט אין קימפעט.

וואס פאר א שעהנע און עהרענהאפטע באציהונג צו דער פרוי! וואס פאר א דעליקאטע, צערטליכע און סימפאטישע געפיהלען ווייזט ארויס די תורה צו דער ווייב, די מוטער פון דער מענשהייט! די מענער אפילו אין אונזער צייט זיינען אמת ברוטאל אין זייערע געשלעכטליכע באציהונגען, קיינער, אויסער דאקטוירים, ווייסען ניט וואס פאר א טראגעדיעס, עס שפיעלען זיך אפ צווישען פארהייראטע, ווען דער מאנסביל, וועלכער מעג זיך זיין א פיינער מענש אין גאס אדער ביי דער ארבייט, ווערט א בעסטיע ווען ער בלייבט אליין מיט זיין פרוי, דער „ער", איבערגעוועלטיגט פון דעם געשלעכטס-טריעב, אהן זעלבסט-באהערשונג און אהן רעליגיעזען אדער עטישען קאנטראל, טוט וואס זיין הארץ גלוסט! און די ארימע פרוי טאר זיך ניט וועהרען.

„א פרוי איז פיזיש און גייסטיג ניט נארמאל א פאר טעג פאר איהר צייט, בעת זי האט די צייט און איניגע טעג נאך דער צייט. זי מוז האבען פאלקאמען רוה און זיין פריי פון אלע אויפרעגונגען".

ד"ר מערי פוטנאם יאקאבי (די פרוי פון דעם באוואוסטען ניט לאנג פארשטארבענעם ארצט

אברהם יאַקאָבי) האָט פאַרעפענטליכט מיט פיעלע יאָהרען צוריק אַ בוך "די פראַגע פון רוהע פאַר פרויען אין דער צייט פון מענסטרואַציע" (1876) אין וועלכע זי האָט באַוויזען גראַפיש, אַז אַלע פונק־ציעס פון פרויען — דער פולס, די טעמפעראַטור, דער בלוט דרוק, נערוועז ערעגבאַרקייט, אָטעמען, מוסקול קראַפט א. א. וו. — שטעלען מיט זיך פאַר אַ ציקל, אָדער „וועלענסבאַוועגונג", אַלע פונקציעס שטייגען (דער פולס לויפט געשווינטער, די טעמפע־ראַטור ווערט העכער, דאָס אָטעמען טיעפער א. ז. וו.) ביז אַ טאָג פאַר דער מענסטרואַציע, פלוצלונג ווערען אַלע פונקציעס פאַרקלענערט, און נאָכהער לאַנגזאַם פאַרגרעסערט, ביז עס קומט צום נאָרמאַ־לען פונקט. דאָס פּאַסירט יעדען מאָנאַט אין דעם לעבען פון אַ פרוי, ווי לאַנג די פונקציע פון מענס־טרואַציע דויערט.

אין משה'ס צייטען זיינען ניט געווען קיין טערמאָמעטערס און מען האָט אפשר ניט געוואוסט ווי צו נעהמען דעם פולס. אָבער עס זיינען געווען באָאָבאַכטער — זיי האָבען געקוקט און געזעהן — און זיי האָבען אַריינגעקוקט אין דער נשמה פון דער פרוי און פון דעם מאַן, זיי האָבען רחמנות גע־האַט אויף דער שוואַכער פרוי, אָבער זיי האָבען געוואוסט אַז די צייט איז נאָך ניט געקומען ווען

מען קען מיט בלויז וויסען און רחמנות אפּעלירען צום מאַן, אַז ער זאָל קאָנטראָלירען זיינע ליידענשאַפטען און דאַרום איז געווען איינע פון די וויכטיגסטע זאַכען דער פאַרבאָט פון דער תורה, פון אומריינהייט פון דער פרוי, אין די צוויי שווערע צייטען פון איהר פיזישען לעבען — מענסטרואַציע און קימפּעט, — וואָס קיין מאַן טאָר זיך דעמאָלט ניט צוריהרען צו איהר, זי מוז זיין פריי פון געשלעכטליכער אויפרעגונג.

און די תורה האָט באַוואָרענט די פרוי, אַז דער מאַן זאָל זי ניט באַלעסטיגען אפילו ווען דער בלוטפלוס קומט פון אַנדערע אורזאַכען. מיר לעזען אין דער תורה: „ואשה כי יזוב זוב דמה ימים רבים בלא עת נדתה או כי תזוב על נדתה כל ימי זוב טומאתה כימי נדתה תהיה טמאה היא“ (ויקרא ט״ו, כ״ה).

די אלע אויבענדערמאָנטע פאָרשריפטען פאַר דער מענסטרואירענדע פרוי זיינען אויך גילטיג פאַר דער פרוי וועלכע בלוטעט ניט מחמת זי האָט די צייט.

די תלמוד׳יסטען האָבען געבויט אַ גרויסען און פּרעכטיגען בנין אויף די דריי פאַרבאָטען פון דער תורה פון וועלכע מיר וועלען האָבען די געלעגענהייט צו רעדען אַן אַנדערס מאָל. מיט זייערע שאַרפזיניגע מוחות און אמת׳ער ליעבע צו דער פרוי,

האָבען זיי זיך געמיהט צו פארשטאַרקען דעם כאַ־
ראַקטער פון די מענער און צו באַפעסטיגען דעם
פיזיאָלאָגיש און היגיעניש ריכטיגען רעגעל, אז אַ
מאַן טאָר ניט אָנריהרען אַ פרוי אין דעם משך פון
צוועלף טעג פון יעדען חודש פון זייער פאַרהייראַ־
טען לעבען און וואַכּען לאַנג נאָכ׳ן קימפּעט.

אַ פאָלק, וואָס באַשטעהט פון מענשען, וועלכע
האָבען איינגעאָרדענט זייער לעבען אויף אַזאַ אופן,
אַז די מענער באַהערשען זייערע ליידענשאַפטען
אין דער צייט ווען די פרויען זיינען פיזיש און פסי־
כיש ניט גענייגט צום געשלעכטליכען פאַרקעהר;
אַ פאָלק וואָס האָט געפאָדערט פון יעדען מאַן אַן
פרוי, אַז זיי זאָלען זיך רייניגען און "הייליגען„ נאָך
דעם פאַרקעהר, — אַזאַ פאָלק שאַפט משה׳לעך און
שלמה׳לעך פון וועלכע ביאַליק זינגט„.

נאָכדעם ווי ד"ר ספיוואַק רעדט אַרום וועגען
דעם רעליגיעזען זייט פון נדה, שרייבט ער אין אַן
אַנדערען אַרטיקעל וועגען וואָס די „אַלטע" האָבען
געוואוסט פון נדה פון אַ ריין וויסענשאַפטליכען
שטאַנדפונקט, דאָס הייסט, ווי גענוג זיינען געווען
זייער באַאָבאַכטונגס־קראַפט.

אָט ליעגט פאַר מיינע אויגען אַ דיקער מאָדער־
נער בוך פון איבער טויזענד בלעטער "די פּרינצי־
פּען און פּראַקטיק פון געבורטסהילף" (אבסטעט־

ריקס) פאַרפאַסט פון יוסף ב. דע—לי (אַ שיקאַגער איד). דער בוך רעכענט זיך איינער פון די בעסטע, און ווערט באַנוצט אַלס טעקסט-בוך אין פיעלע מע־דיצינישע קאַלעדזשעס.

„ווי איך האָב געזאָגט אין מיין פריהערדיגען אַרטיקעל, איז כמעט יעדע פרוי „ניט מיט אַלעמען" ווען זי האָט די צייט, זי איז פיזיש און פסיכיש ניט נאָרמאַל. מיר וועלען ציטירען פון דע—לי די סימפּ־טאָמען אויף וועלכע פרויען באַקלאָגען זיך אָדער וועלכע מען קאָן באַמערקען: קאָפּשמערצען, פול־סירענט און כאַראַקטער; שוואַכקייט, מאַטקייט, בליץ שמערצען (נעווראַלאָגיע) ספּעציעל אין פּנים; ציטערען; בליץ-אַרטיגע שטראָמען פון וואַרימ־קייט איבער'ן לייב, פאַרגרעסערטע עמפּפינדליכ־קייט פון הויט און מח; אייניגע האָבען היסטערי־קע, זיי פאַרקיהלען זיך לייכטער, פרישטשיקעס אויפ'ן פּנים, טונקעלע רינגלעך אַרום די אויגען, און נאָך אַנדערע סימפּטאָמען.

אין דער גמרא געפינען מיר אַ גאַנצע משנה געווידמעט צו די סימפּטאָמען פון אַ נדה: זי גע־נעצט, זי ציהט זיך, זי פיהלט ניט גוט אַרום נאָ־פּעל און אין דעם אונטערשטען טייל פון בויך, זי ציטערט, און אויך אַנדערע עהנליכע עמפּפינדונגען (נדה ס"ג ע"א) רבה בר עולא האָט באַמערקט, אַז די

פרויען באקלאגען זיך אויף א שווערקייט אין קאפ און אין אלע אברים (נדה ס"ג, ע"א).

פון די צוויי אויבענדערמאנטע ציטאטען פון דעלי'ס בוך און פון תלמוד זעהען מיר, אז די תלמוד'יסטען זיינען דורך די נויטווענדיגקייט פון לערנען די רעליגיעזע דינים פון נדה געווען גע-צוואונגען צו נאטירען און פארשרייבען זייערע באַאבאכטונגען איבער דעם פיזישען און פסיכישען צושטאנד פון דער פרוי בעת זי האט די פעריאדע, אגב וועל איך באמערקען, אז אין דער ענגלישער שפראך רופט מען די פעריאדע בלשון נקיה — „אנוועל", „ניט מיט אלעמען".

די פראגע פון וואנען נעהמט זיך דער פעריא-דישער בלוט-פלוס האט באשעפטיגט די תלמוד'ים-טען, ווי אויך אלע פארשער פון אלע צייטען און מיר געפינען אין דע—לי'ס בוך א היסטארישען אי-בערבליק פון אלע טעאריען. ער זאגט אבער, אז קיינע פון די טעאריען איז דערוויל נאך ניט בא-שטעטיגט געווארען. איינס פון די מאדערנע טע-אריען איז פארמולירט געווארען פון ד"ר מערי יא-קאבי אין די דאזיגע פאסענדע פאטעטישע ווער-טער: די פרוי בליהט אזוי זיכער און אונאויפהער-ליך ווי א בלום: זי שאפט אהן אונטערבראכען ניט נאר די „פרוכטפערונגצעלען" (אין וועלכע דאס

קינד ווערט באשאפען) נאר אויך דעם נאהר-מאטע־ריאל (בלוט און מילך) אהן וועלכע די "פרוכפורונג„ וואלט געווען נוצלאז. נאך דער טעאריע קומט אויס, אז די פרוי האט א באזונדערע פונקציע, וועל־כע דער מאן באנוצט ניט, נעמליך, זי שאפט אומ־אויפהערליך נאהר-מאטעריאל פאר'ן קינד. האט זי א קינד, שאפט זי מילך; האט זי ניט קיין קינד, פאר־לירט זי בלוט, דעם בלוט-פלוס, איז נאך דער טע־אריע, דאסזעלבע ווי די ברוסט-מילך.

די טעאריע האט שוין פארעפענטליכט דער תנא רבי מאיר כמעט צוויי טויזענד יאהר צוריק און האט זי פארמולירט אין פיער ווערטער, וועלכע איך וועל ציטירען אין העברעאיש „הדם נעכר ונעשה חלב", דאס בלוט (פון דער נדה) ווערט דערזעצט און ווערט פארוואנדעלט אין מילך (פון דער זויגע־רין) (נדה ט' א', בכורות ו' ב'). אויף אן אנדער פלאץ ווערט די טעאריע פארגעלעגט פון דעמזעלבען געלעהרטען אין אן אגדה'שער פארמע: „האט גע־זאגט ר' מאיר, די אלע ניין חדשים וואס א פרוי זעהט ניט קיין בלוט, איז זי בארעכטיגט אז זי זאל עס זעהן, וואס זשע טהוט הקדוש ברוך הוא, ער ציהט עס ארויף צו איהרע בריסט און ער מאכט דערפון מילך, כדי ווען דאס קינד וועט ארויסקומען וועט עס האבען צו עסען" (מ"ר תזריע פ' י"ד ג').

איהר דאַרפט האַלטען אין זין, אַז אַלע טעאָריען זיינען ניט מעהר ,ווי ווענינ באַגרינדעטע השערות, פריהער מוז מען האָבען אַ וואַסער־עס־איז טעאָריע און דערנאָך הויבט מען אָן אויסגעפינען פאַקטען, וועלכע פאַסען זיך צו דער טעאָריע. מען האָט גע־פונען גענוג פאַקטען אום צו זאָגען, אַז די טעאָריע פון נדה איז ניט קיין פוסטע דבורים, אָבער די אַנ־דערע טעאָריען האָבען אויך געפונען גענוג פאַק־טען, אַז אויך זיי זיינען בארעכטיגט, אַז מען זאָל זיי אויסהערען. פון מיין זייט בין איך געצוואונגען אַנ־צונעהמען רבי מאיר׳ס טעאָריע, זי אַפּעלירט צו מיר מיט איהר לאָגישקייט און אפילו פון מאָדערנעם ווי־סענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט, פון וועלכען איך וועל דאָ ניט מאריך זיין, וואָס קומט מיר דערפאַר, אַז ווען מיר רעדען פון דער טעאָריע "נאַהרונגס־צוגאָב אין דער פרוי„ וויל איך זאָגען, אַז דאָס איז ניט מערי יאַקאָבי׳ס נאָר רבי מאיר׳ס טעאָריע. ווען מיט דער צייט וועט באַגרינדעט ווערען אַ נייע טעאָריע אי־בער נדה, וועלכע וועט ניט זיין באַשטרייטבאַר, וועל איך זיין דער ערשטער מודה צו זיין, אַז רבי מאיר׳ס טעאָריע איז אַ פאַלשע. ביז יענער צייט איז רבי מאיר מיין אויטאָריטעט.

אַז איך האַלט שוין דערביי, וועל איך ברענגען נאָך איינינע באָבאַכטונגען און טעאָריען פון די

תלמוד׳יסטען, אז דער דויער פון איין בלוט־פלוס ביז צום צווייטען איז דרייסיג טעג (נדה, ט״ו, א׳).

די מאָדערנע אויספאָרשונג האָט באוויזען, אז נאָר איין פופצעהן פּראָצענט איז דער דויער דריי־סיג טעג, אין 75 פּראָצענט איז דער דויער 28 טעג, דאָס צייגט, אז די באָאָבאַכטונג פון די תלמוד׳יסטען איז אָדער ניט געווען קיין ריכטיגע, אָדער די אמאָ־ליגע פרויען זיינען געווען פיזיאָלאָגיש פאַרשידען, דער קירצסטער דויער קען זיין עלף טעג (נדה ט׳ ב׳)

א פרוי וואָס האָט קיינמאָל ניט געהאַט איהר רעגל, האָבען די תלמוד׳יסטען געזאָגט, אז זי איז א בעזדיעטניצע (עקרה) און האָבען איהר געגעבען א ספּעציעלען נאָמען „אילונית" פון דעם וואָרט „איל", א באַראַן (כתובות, י״א, א׳; יבמות צ,, ב׳), א מאַן האָט דאָס רעכט צו גט׳ן אזא פרוי (גיטין מ״ז ב׳), אָבער אנדערע געלעהרטע האָבען געזאָגט, אז נאָך דער חתונה קען פּאַסירען, אז די פרוי וועט באַקומען די רעגל (נדה, י״ב, ב׳), די מאָדערנע מע־דיצינער זיינען איינשטימיג מיט דער לעצטער מיי־נונג. רבי גמליאל האָט געהאַט א טאָכטער אַן „אילונית" (יבמות צ׳, ב׳).

פאַרצייטיגער בלוט־פלוס קומט פון טראָגען שווערע משא, שפּרינגען און אנדערע קראַנקהייטען (נדה פ״ט, מ״א), שרעק (מגילה ט״ו, א׳), עראָטישע

געדאנקען (נדה כ׳ ב׳) און דאָס עסען פון ציבעלעס און פעפער (נדה ס״ו א׳), דאגות פאַרהאַלטען די רעגעל (נדה ע„א), וואָס אַנבאַלאַנגט ציבעלעס און פעפער בין איך אויף דעם ניט קיין מומחה. די אי־בעריגע באָאָבאַכטונגען זיינען אַלע ריכטיגע.

מען פלעגט קומען מיט שאלות צו די רבנים ווען די פרוי איז געווען אין ספק אויב די בלוט קומט פון די מאָנאַטליכע אָדער פון אַנאַנדער קוואַל, דאָ האָבען די חכמים געדאַרפט אויסגעפינען אַ מי־טעל ווי אַזוי צו אונטערשיידען די צווייערליי בלו־טען. זיי האָבען אויסגעאַרבייט אַ כעמישע פּראָבע, וועלכע האָט ווארשיינליך געדיענט זייער ציעל, אָבער זיי האָבען ניט אָנגעגעבען ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגעהן מיט די פאַרשידענע כעמישע שטאָפען. מען ברויך די פאָלגענדע: 1. שפּייכעל פון אַ מענ־שען וואָס האָט ניט געגעסען און ניט גערעדט אַ וואָרט פון לעצטען אָבענד. 2. גערשטען וואַסער. 3. סאַראַ וואַסער. 4. זייף וואַסער. 5. כמוניא (אַזאַ מין ערד). 7 אַ שלג (אַזאַ פלאַנצונג) (נדה ס״א ב׳; ס״ב, א׳), ווען מען לעגט צו די אויבענדערמאָנטע שטאָפען צום בלוט פלעק און דער פלעק פאַרגעהט, דאַן איז דאָס זיכער די בלוט פון פעריאָדע און די פרוי איז ערקלעהרט אַלס אומריין. דער שלחן ערוך

(יורה דעה ק"צ ל"א) זאָגט, אַז מען קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף דער כעמישער פּראָבע.

צווישען די חכמים זיינען געווען איינינע באַוואוסטע עקספּערטען צו דערקאָנען פאַרשידענע בלוטען. די גמרא דערצעהלט, אַז איפרא הורמיז, די מוטער פון קעניג שבור, האָט צוגעשיקט אַ בלוט פלעק צו רבה'ן און ר' עובדיה איז געווען דערביי, האָט רבה א שמעק געטאָן דאָס בלוט און האָט געלאָזט איהר זאָגען, אַז דאָס בלוט איז געקומען ניט פון נדה נאָר פון עראָטישע געדאַנקען. האָט די מוטער געזאָגט צו איהר זוהן דעם קעניג: געה נאָר און געפין אויס ווי קלוג די אידעלעך זיינען. האָט ער איהר געזאָגט, אַז עס קען זיין דאָס ער האָט געטראָפען ווי אַ בלינדער אין פענסטער (כסומא בארובה) האָט זי געשיקט פערציג באַזונדערע מוסטערען בלוטען, און רבה האָט געטראָפען אויסער די לעצטע, וועלכע איז געווען די בלוט פון אַ כנה. מיט זיין ענטפער האָט רבה געשיקט דעם קעניג'ס מוטער אַ קעמעלע, און זי האָט דערפאַר געדענקט, אַז ער האָט זיך אָנגעשטויסען און האָט געזאָגט: "די אידען זיצען ביי אונז אין האַרצען„ (נדה כ', ב').

לויט די מאָדערנע וויסענשאַפט האָט מען דאָ ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק אויסגעפונען די מעגליכקייטען צו אונטערשיידען דורך אַ ביאָלאָגיש־

כעמישע פראָבע די בלוטען פון אַלערליי חיות. "פרעסיפיטען„ הייסט די פראָבע. אויב עס איז איצט דאָ אַ מעגליכקייט צו אונטערשידען פארשי־דענע בלוטען, איז דאָס שוין אַ פארדיענסט פון די תלמידי חכמים, וואָס זיי האָבען די זאַך באהאנדעלט און הונדערטע יאָהרען זיינען אַוועקגעגאנגען ווען מען האָט זיך אפילו מיט דער פראַגע ניט באשעפ־טיגט.

צום שלוס איז כדאי צו דערמאָנען נאָך איין טעאָריע פון נדה. די טעאָריע איז א ריין טעאָלאָ־גישע. פאַר וואָס האָט מען געגעבען דער פרוי די מצוה פון נדה? מחמת חוה האָט געזינדיגט (עסענ־דיג די פארבאָטענע פרוכט) און דערמיט האָט זי פארגאָסען דאָס בלוט פון אָדם הראשון (מ"ר בראשית פ' י"ז).

וואָס בין איך אויסען מיט הלכות נדה? דאָס ערשטע איז, אַז דער עולם זאָל וויסען די נאַטור־גע־שיכטע פון אַ וויכטיגער פיזיאָלאָגישער פונקציע, וואָס מען ווייסט מעהר, האָט מען מעהר הנאה פון לעבען, ווערט דאָס לעבען פארלענגערט; דאָס צווייטע איז, אַז עס איז צייט, אַז די מאַנס־בילען וואָס האָבען באמת ליעב זייערע פרויען, זאָ־לען שענקען מעהר אויפמערקזאמקייט צו זייערע פרויען, און זאָלען זיי צערטליך באהאנדלען אין דער

צייט ווען זיי זיינען „ניט מיט אלעמען", דאס וועט פארלענגערען די יאהרען פון טויזענדער פרויען. נעהמט אן דעם ציכטיגען און געזונטען מנהג פון נדה.

* * *

מיר ווייסען אז די קריסטען, די עטליכע הונדערט יאהר נאך קריסטוס און די מאכמאדאנער ביז היינט צו טאג, היטען אפ די אומריינקייט פון דער פרוי. אויב זיי זאלען זיין די איינציגע פעלקער, וואס היטען אפ דעם מנהג, וואלט מען געקענט זאגען, אז זיי האבען עס גענאשט פון אונזער תורה, וועלכע איז די מאמע פון די צוויי מה'יעשה'ניקעס, און וועלכע איז מיט צוויי טויזענד יאהר עלטער פון זייביידען, אבער ווי מיר געפינען איז עס ניטא איין אומה ולשון אויף דער גאנצער וועלט, סיי אין די אור-אלטע צייטען, סיי אין די מאדערנע צייטען, וואס האט ניט געהאט די איינריכטונג פון די אומריינקייט פון דער פרוי בעת זי ווערט מוטער און אין איהר "פעריאדע„ און אז צווישען אלע מנהגים איז דער נדה און קימפעט מנהג דער איינציגער וואס מען געפינט אין אלע ווינקלען פון דער ערד, אהן אונטערשיד פון ראסען, קאליר און ענטוויקלונג, ביי פעלקער און שטאמען, וועלכע זיינען אין קיין באריהרונג ניט געקומען מיט משה'ס לעהרע אדער

מיט די אָריענטאַלישע פעלקער, ווען מיר געפינען אַז דאָס איז אַן אַלוועלטליכער און אַלמענשליכער מנהג, מוזען מיר קומען צום באַשלוס, אַז אונזער תורה איז ניט דער איינציגער קוואַל פון נדה און קימפּעט אומריינקייט.

און דאָך זיינען די תורה׳ס דינים בנוגע צו דער אומריינקייט פון דער פרוי, און די פּאַרטייטשונג אין תלמוד און פון די פוסקים ביז׳ן שלחן ערוך, גאַנץ אַנדערש ווי ביי די אַנדערע פעלקער. די דינים שטעהען איין ביי אידען, און זיי האָבען אַן אייגענ־טימליכען אידישען טעם. מיר וועלען דאָס בעסער פאַרשטעהן, ווען מיר וועלען פאַרגלייכען די דינים ביי אידען מיט די דינים ביי אַנדערע פעלקער. מיר וועלען באַטראַכטען די דינים בנוגע צו דער קימ־פּעטאָרען.

נאָכ׳ן אידישען דין איז אַ קימפּעטאָרען אומ־ריין זיבען טעג און דריי און דרייסיג טעג נאָך דעם געבורט פון אַן אינגעל, און פערצעהן טעג און זעקס און זעכציג טעג נאָך דער געבורט פון אַ מיידעל. דאָס הייסט, אַז דער מאַן טאָר זיין פרוי ניט אָנריה־רען אין דעם משך פון פערציג טעג נאָך דעם געבורט פון אַן אינגעל און אַכציג טעג נאָך דעם געבורט פון אַ מיידעל. (אָבער אין אונזערע מדינות איז מען זיך ניט נוהג אַזוי, זאָנדערן ווי עס געהט אַוועק

פערצעהן טעג נאָך דער געבורט פון אַ מיידעל, און זיבען טעג נאָך דער געבורט פון אַ אינגעל, און די פרוי איז ריין געוואָרען פון דם, קען די פרוי מאַכען (איין אָבצוג און אָנהויבען צו צעהלען זיבען ריינע טעג און דאַן טובל זיין זיך, און זי איז מותר צום מאַן. (מחבר). — די תורה מאַכט אַן אונטערשייד צווי־שען די „אומריינע בלוט" וועלכע פליסט די ערשטע זיבען אָדער פערצעהן טעג נאָכ'ן געבורט און צו די „ריינינגונגס בלוט" וועלכע פליסט דריי און דריי־סיג טעג, אָדער זעקס און זעכציג טעג (ויקרא י"ד, א'—ה'). די „אומריינע בלוט" איז רויטע בלוט, די „ריינינגונגס בלוט" איז ווייסע בלוט, נאָך די ערשטע זיבען טעג (נאָך אַן אינגעל) אָדער פערצעהן טעג (נאָך אַ מיידעל) דאַרף זיך די פרוי ריינינגען מיט וואַ־סער, גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ מענסטרואירענדע פרוי (ויקרא, י"ב, ב'). ביז דעם זיבענטען אָדער פערצעהנטען טאָג איז זי געווען פאַררעכענט אַלס אומריין פאַר אַלע מענשען, און וואָס איז נוגע דעם מאַן און „הייליגע" זאַכען מוז זי אָפּוואַרטען דריי און דרייסיג טעג נאָך אַן אינגעל און זעקס און זעכ־ציג טעג נאָך אַ מיידעל.

דער חילוק אין דעם דויער פון אומריינקייט נאָך אַ אינגעל און נאָך אַ מיידעל, איז אומפאַרשטענד־ליך. די תלמוד'יסטען האָבען די פראַגע אויפגע־

הויבען און זיי האָבען געזאָגט, אַז די פערציג און אַכציג טעג פון אומריינקייט זיינען אַ סימבאָל פון דער ענטוויקלונג פון דעם עמבריאָ (די זאָמען פון וועלכע דאָס קינד ענטוויקעלט זיך אין דעם בויך פון דער מוטער) די ענטוויקלונג פון אַ פאָלשטענדיגע עמבריא פון אַ אינגעל געדויערט פערציג טעג און פון אַ מיידעל אַכציג טעג (נדה, פ״ג, מ״ז) אויב די מאָדערנע עמבראָלאָגיע איז ניט אין איינקלאַנג מיט דעם תלמוד, עס איך זיך ניט אָפּ דאָס הארץ. די וויסענשאַפט פון עמבראָלאָגיע איז נאָך ניט פאָלקאָמען, און איך קען געדולדיג וואַרטען, אַז מיט דער צייט, וועט זיך אפשר ארויסווייזען, אַז עס איז טאַקע דאָ אַ חילוק צווישען אַ מיידעלשען און אינגעלשען עמבריאָ.

די אידען פון דער נאָך תלמוד׳ישער עפּאָכע האָבען אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערע שטעלע צו דער פראַגע און האָבען זיך באַנוגענט מיט פערציג אומריינע טעג סיי פאַר אינגלעך און סיי פאַר מיידלעך. וואַהרשיינליך האָבען דאָס די אידען געטאָן אַלס צו להכעיס די קאַראַאימען, וועלכע האַלטען זיך אָן דעם „וואָרט“ פון דער תורה, און ביי זיי זיינען די קימפּעטאָרינס נאָך ביז איצט אומריין אין דעם משך פון אַכציג טעג נאָך דעם קימפּעט פון אַ מיידעל.

איצט לאָמיר פאַרגלייכען דעם אידישען דין פון קינפעטאָרינס צו די דינים וועלכע הערשען צווי־שען אַנדערע פעלקער:

די גריכען האָבען אויך געהאַלטען די 40 אומ־ריינע טעג פון דער קימפעטאָרען, אויף דעם פער־ציגסטען טאָג פלעגען זיי מאַכען אַ יום טוב (טעסאַ־ראַ קאסטאם), די פרוי פלעגט זיך טיכטיג וואַשען און דאַן געהן אין דעם טעמפעל פון דער געטין דיאַנאַ, גלייך מיט דעם אידישען דין האָבען זיי גע־רעכענט די קימפעטאָרען אַלס אַנשטעקענד און ווער עס האָט באַזוכט אַ קימפעטאָרען האָט זיך באַ־דאַרפט באָדען איידער ער האָט געקענט געהן אין טעמפעל, ניט נאָר די קימפעטאָרען איז געווען גע־רעכענט אומריין, נאָר אויך אַלע וואָס זיינען געווען אין הויז צוזאַמען מיט דער קימפעטאָרען, און אפילו דאָס הויז אויך. אין איניגע טהיילען פון גריכענ־לאַנד האָט מען געהאַט ספעציעלע קימפעטאָרען־הייזער. די רוימער האָבען אויך אָפּגעהיט דעם זעל־בען מנהג פון אומריינקייט. די אַלטע גערמאַנען, אַזוי ווי די אַמאָליגע הינדוסען, האָבען נאָר אָפּגע־היט אַכט טעג נאָך דער ענטבינדונג. אין פערסיען היט מען אָפּ פערציג אומריינע טעג. די קאַפירען היטען אָפּ אַ מאָנאַט, די סאַמאָיעדען היטען אָפּ צוויי מאָנאַטען, די כינעזער איין מאָנאַט. די יאַפּאַנעזער

פופציג טעג. און אין די סענדוויטש אינזלען צעהן טעג. ביי די באגאס (צענטראל אפריקא) טאר די פרוי ניט ארויס פון שטוב גאנצע פיער וואכען נאך א אינגעל און 3 וואכען נאך א מיידעל.

די אראבער, די טערקען, די קאפטען און די אינדיאנער פון קאליפארניא היטען אפ די פערציג טעגיגע אומריינקייט. ביי איינינגע פון די שטאמען פון די אמעריקאנער אינדיאנער ווערט די אומריינקייט פון די קימפעטארען אפגעהיט און דער דויער איז פארשידען צווישען אינגלעך און מיידלעך. די אידען פון אבעסיניען — די פאלאשאס — היטען אפ די געזעצען בנוגע צו קימפעטארענס און האבען אין יעדען דארף א באזונדער הויז וואו פרויען ווערען געלעגען און וואו זיי פארבלייבען די גאנצע צייט פון זייער אומריינקייט.

די גריכען האבען אפגעהיט די זיבען טאגיגע אומריינליכקייט. נאך דער רעליגיאן פון דער אוועסטא (אינדיען) האט קיין מאנסביל ניט גע־טארט צוגעהן צו א מענסטרואירענדער פרוי נעהענ־טער ווי דריי טריט, די מענסטרואירענדע פרוי האט ניט געטארט שטעהען נעבען א פייער אדער וואסער נעהנטער פון פופצעהן טריט, ווארים דער פייער אדער וואסער וועט ווערען טמא. די מענסטרואי־רענדע פרויען מוזען פארבלייבען די גאנצע צייט

פון זייער אומריינקייט אין אַ באַזונדער צימער, פון פון וועלכע מען קען ניט זעהן פייער אָדער וואסער, די זוהן, די לבנה אָדער די שטערן. נאָך די זיבען טעג דאַרף זי זיך וואשען און ערשט דאַמאָלסט ווערט זי ריין, זי דאַרף וואשען די „זיבען עפענונגען" פון קערפער, די אויגען, די אויערען, די נאָז לעכער, דעם מויל און אַנדערע צוויי ניט דרוקבאַרע עפענונגען. נאָך די רעליגיאָן פון די ווערדאַס ווערט די פרוי איינגעשלאָסען אין אַ קאַמער אין איהר אומריינקייט, אין מאַלאַבאַר איז די פרוי אומריין דריי טעג און טאָר ניט קאָכען אָדער וואשען. אויף דעם פערטען טאָג דאַרף זי זיך באָדען און ביז דעם זעקסטען טאָג איז זי האַלב ריין, דאָס הייסט, זי קען שוין פון שטוב אַרויסגעהן, אָבער זי טאָר ניט באַטרעטען דעם שוועל פון טעמפעל. ביי די זיד אַמעריקאַנער פעלקער ווערט די מענסטרואירענדע פרוי אריינגעלעגט אין אַ הענג בעטעל (העמאָק) און מען ציהט דאָס הענג-בעטעל אַרויף צו דער סטעליע. די מיידלעך פון די טלענקיט אינדיאַנער טראָגען אַ הוט מיט אַ ברייטען באַנד כדי זיי זאָלען ניט קענען קוקען אויף דעם הימעל. די ווייבער פון די עסקימאָס וואוינען די פיער פינף טעג פון אומריינקייט גאַנץ באַזונדער, אַזוי טהוען אויך די אינדיאַנערקעס פון אַרינאַקאַ. די פרויען פון די נעגרען אין זיד-טאָגאָ טאָרען ניט

ברענגען קיין וואסער פון הייליגען טייך. די נע־גערטעס פון סורינאם מוזען זיין אפגעזונדערט אין זייער אומריינקייט און עס איז א גרויסע געפאהר מיט זיי זיך צו באגעגענען. ווען זיי דערזעהען אי־מיצען פון דער ווייטענס, שרייען זיי „מי קאי, מי קאי" (איך בין אומריין, איך בין אומריין), די נע־גערטעס פון קאנגא ווען זיי האבען די צייט, שמירען זיי אויס דעם גאנצען קערפער מיט רויטען ליים. אין גאבאן (אסט אפריקא) טאר ניט די מענסטרו־אירענדע פרוי זעהן איהר מאן, איהר פאטער און איהר פעטער און ווען זי באגעגענט איינעם פון זיי, דארף זי דעם פנים פארשטעלען מיט דער האנד. אין קאטשיטשינא גלויבט מען, אז סטרונעס פון מו־זיקאלישע אינסטרומענטען פלאצען, גלעזער ווערען צובראכען און זייגערס שטעלען זיך אפ, ווען א מענסרואירענדע פרוי ריהרט זיך צו צו זיי. אין קאנאדא גלויבט מען, אז דאס באגעגענען זיך מיט א מענסטרואירענדע פרוי איז א געפעהרליכע זאך, — מען ווערט מסוכן קראנק. די קאמטשאדאלען ער־לויבען ניט די ווייבער צו קאכען אין דער צייט פון זייער „רעגעל".

אין נארד פראנקרייך איז פארבאטען, אז א מענסטרואירענדע פרוי זאל זיין אין פאבריק בעת מען קאכט צוקער, ווייל די צוקער קען שווארץ ווע־

רען. אין סיציליען ערלויבט מען ניט אפילו צו האלטען אויף די הענד א קינד אונטער א יאָהר, איידער מען פרעגט איהר בלשון נקיה „אויב איהרע הענד זיינען זויבער". די ציגיינער לאָזען ניט זייערע פרויען ווען זיי זיינען אומריין צו באַקען ברויט, שפינען און אַנדערע אַרבייט. אין ברוינשטאַט און אין שטייערמאַרק וועט אַ מענסטרואירענדע פרוי זיך ניט ערלויבען צו קאָכען איינגעמאַכטס ווען זי האָט די פּעריאָדע.

מען וואָלט געקענט אויסרעכענען נאָך פיעלע אַזעלכע אינטערעסאַנטע און פיקאַנטע מנהגים פון ווילדע, האלב-ציוויליזירטע און ציוויליזירטע פעלקער, אָבער די איינינע וואָס איך האָב באַשריבען, זיינען גענוג אום צו איבערצייגען אַז די הלכות נדה און קימפּעטאָרען זיינען פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצען ערד-קוגעל. דער וואָס וויל זיך נעהנטער באַקאַנען מיט דער פראַגע קען געפינען אַ רייכען מאַטעריאַל אין פלאָסס בוך „דאָס ווייב אין דער נאַטור און פעלקער קונדע" און אין זיין בוך „דאָס קינד אין ברויך און זיטטע דער פעלקער".

מיט וואָס קען מען ערקלעהרען די אורזאַכע פאַרוואָס דער מנהג פון באַטראַכטען די פרוי אַלס אומריין בעת זי האָט איהר צייט אָדער זי ליעגט אין קימפּעט איז אַזוי אַלוועלטליך פאַרשפּרייט?

פראָפעסאָר דעללער האָט ניט לאַנג פאַרעפענטליכט
אַ בוך "רײנהייטס און שפּײזע־געזעצע דעם אַלטען
טעסטאַמענטס„ אין וועלכען ער באַווייזט מיט דייט־
שער גרינדליכקייט און מיט אותות ומופתים, אַז
אַלע פעלקער האָבען געגלויבט, אַז די אומרײנקייט
פון דער פרוי קומט פון ניט גוטע, פון שדים און
מזיקים, וועלכע זיצען אין דער מענסטרואירענדער
פרוי. דער מאַטעריאַל וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט
איז אומגעהייער גרויס און איבערצייגענד. אָבער
אני הקטן פרעג די קשיא, פאַר וואָס זשע האָבען
אַלע געגלויבט אין ניט־גוטע, שדים און מזיקים?
עס האָט דאָך געמוזט זיין אַן אורזאַכע פאַר דעם
אבערגלויבען?

ווען מיר באַטראַכטען אָבער, אַז די אַלע
איינריכטונגען פון אומרײנקייט האָבען געציעלט צו
צוויי זאַכען — נעמליך, דאָס ערשטע צו באַשיצען
די פרוי פון טאָן שווערע ארבייט און דאָס צווייטע,
אַז זי זאָל קיין מגע ומשא ניט האָבען מיט איהר
מאַן, ווערט די זאַך גאַנץ קלאָהר. פון ערפאַהרונג
האָט די מענשהייט אויסגעפונען, אַז די פרוי מוז
באַשיצט ווערען פון שווערע ארבייט און פון דעם
ברוטאַליטעט פון מענער בעת איהרע כחות זיינען
שטאַרק אָפּגעשוואַכט, פון היגיענישע רעגעלען איז
דאָך גאָר קיין פראַגע ניט געווען — מענשען ווייסען

לידער ווייניג פון געזונדהייטס רעגעלען אפילו איצט — דערפאר זיינען די ניט-גוטע און די שדים און מזיקים זעהר צונויץ געקומען.

איך נעהם זיך ניט אונטער צו ערקלעהרען, ווי אזוי דער באגריף פון שדים און מזיקים איז ענטשטאנען. איך וויל נאר זאגען, אז דער גלויבען אין די ניט-גוטע און שדים האט געבראכט דער מענשהייט גרויסע נוצען פון א היגיענישען שטאנדפונקט. מיר מוזען האבען גרויס דרך ארץ פאר שרעטעלעך, וואווקולאקעס, וואטעמאכער, ניט-גוטע, שדים און מזיקים. די שיר המעלות'ן וואס מען קלעפט אן איבער דער בעט פון א קימפעטארען מיט די מיסטישע ווערטער אדם וחוה חוץ לילית (אדם און חוה מעגען דא זיין אבער ניט די שד'יכע לילית) "סיני סנסיני וסמנגלוף", מיכאל חסריאל" און „מכשפה לא תחיה" באקומען א גאנץ אנדערע באדייטונג.

* * *

דאס „אומריין„ זיין פון דער נדה ביי אידען איז געבויט אויף די אלוועלטליכע יסודות. וואס איז אבער שייך צו דער „ריינגונג" פון דער נדה, דא האבען זיך די אידען ענטוויקעלט וואונדערליכע היגיענישע און עסטעטישע אויפטועכצען".

און ד"ר ספיוואק מאכט דעם אונטערשייד פון „ריינגונג" ביי אידען ביז די „ריינגונג" ביי אנ-

דערע פעלקער. „דאָס ערשטע איז דער חילוק אין דער לענג פון „רייניגונג". אַלע פעלקער באַטראַכטען די מענסטרואירענדע פרוי אַלס אומריין נאָר בעת זי „פלעקט", נאָר די גריכען האָבען געהאַט דעם דין פון אַ זיבען טאָגיגע אומריינקייט, ביי אידען איז גאַנץ אַנדערש, וואָס די רייניגונג אַליין דויערט צוועלף טעג. דאָס האָט ניט קיין אַנדער פאָלק אויף דער וועלט, אי דער איד, אי די אידענע האָבען גע־נוג צייט צו קומען צו זיך, און ממילא מוז אַזאַ איינ־אָרדנונג פון דעם סעקסועלען לעבען זיי וואויל באַ־קומען".

דער צווייטער חילוק איז אין דעם רייניגונגס־פּראָצעס גופא. נור אייניגע פעלקער האַלטען פון דעם מנהג פון „אונטערוואַשען זיך", אָדער באָדען זיך אַלס אַ רייניגונג. אָבער זיי האָבען ניט אויסגע־אַרבייט קיינע רעגעלען ווי די רייניגונג דאַרף פאָר־קומען. די אידען האָבען באַשאַפען אַ גאַנצע סיס־טעם פון באָדען זיך. דאָס איז אַ רעליגיעזע צערע־מאָניע און צו דערזועלבער צייט אַ העכסט מאָדער־נע מעטאָדע צו רייניגען דעם קערפּער שטרענג און געוויסענהאַפט.

צום אַלעם ערשטען גילט דער דין, אַז „נאָר נאָכדעם, אַז די פרוי האָט זיך טובל געווען, מעג דער מאַן זיין מיט איהר. עס מעגען אוועקגעהן

הדשים אדער יאהרען זייט זי האט געהאט די צייט, טאר זי ניט זיין מיט'ן מאן ביז נאך דער טבילה, און די פרוי איז די הארענטע איבער איהר קערפער, דער מאן טאר זי ניט אנריהרען ביז זי זאגט, אז זי איז ריין.

עס וועט זיין אינטערעסאנט פאר די לעזער צו זעהן, ווי אזוי די תלמוד'יסטען בויען א לאגישען בנין".

די תורה זאגט, „און ער זאל זיך וואשען זיין גאנצע לייב אין וואסער" (ויקרא ט"ו, ט"ז) דאס האט גאר צו טאן מיט א מאן וועלכער ליידעט פון געשלעכטליכען אויספלוס, אבער אזוי ווי דאס איז דער איינציגער פלאץ אין דער תורה, וואו עס שטעהט געניי געשריבען, אז „דאס גאנצע לייב" דארף מען וואשען אום מען זאל זיין ריין, האבען די תלמוד'יסטען דערפון געדרונגען, אז אומעטום וואו עס שטעהט אז מען דארף זיך „וואשען", דארף מען וואשען דאס „גאנצע לייב" — די פרוי דארף אויך וואשען איהר גאנצע לייב.

וואס זשע הייסט וואשען דאס „גאנצע לייב" ? אז דאס וואסער זאל קומען אין באריהרונג מיט'ן גאנצען לייב, אזוי ווי דאס לייב מיינט מען די הויט, וועלכע דעקט צו דעם גאנצען קערפער, מוז יעדער קלענסטער טהייל פון דער הויט קומען אין דירעק-

טער באריהרונג מיט'ן וואסער, אלץ וואס טהיילט אפ די הויט פון דעם וואסער הייסט „חציצה" (מקואות פ"ט), אין אנדערע ווערטער, אז עס טאר זיך ניט געפינען אויף דער הויט פון דעם גאנצען לייב קיין ברעקעלע (כמשהו) שמוץ, בלאטע, שוויים, פארטריקענטע בלוט, ליים, פארקניפטע האר, פאר־דארטע הויט, מחמת די וואסער וועט ניט קומען אין באריהרונג מיט דעם „גאנצען לייב".

וואס זשע טהוט מען, אז די וואסער פון דער טבילה זאל קומען אין באריהרונג מיט'ן גאנצען לייב? מען דארף פאר דער טבילה ארונטערנעה־מען די שמוץ, שוויים, בלאטע, פארטריקענטע בלוט, ליים, פארדארטע הויט, א. אז. וו. דערפון האט זיך גענומען אז די רייניגונג פון א אידישער פרוי בא־שטעהט פון א צווייפאכער באד, די ערשטע באד א ווארימע, באשטעהט אין ארונטערנעהמען פון קערפער אלץ וואס קען פארמיידען אז די וואסער פון טבילה זאל ניט קענען קומען אין באריהרונג מיט דער הויט פון יעדען טייל פון קערפער, די צווייטע באד, א קאלטע, איז די טבילה.

די וואס דענקען אז די קונטט פון מאניקור (רייניגען די נעגעל פון די הענט) און פון קיראפאדי (רייניגען די נעגעל פון די פים) איז א מאדערנע ער־פינדונג, האבען א גרויסען טעות. די אידישע פרוי

האָט געוואוסט פון די צוויי קונסט־שטיק און האָט זיי פּראַקטיצירט זייט צוויי טויזענד יאָהר און אפשר נאָך לענגער. די פּאָרבאַרייטונג צו דער ערשטער באָד באַשטעהט אין דעם, וואָס די אידישע פרוי מוז אָפּשניידען די נעגעל פון די הענט און די פיס און אויסרייניגען די בלאָטע פון אונטער די נעגעל. אַ פרוי וואָס האָט פאַרגעסען אָפּצושניידען איהרע נעגעל איז איהר טבילה קיין טבילה ניט. זי מוז זיך אָפּשניידען די נעגעל און נאָך אמאָל זיך טובל זיין (קיצור שלחן ערוך, קס"א, ח'), זי דאַרף זיך טיכטיג אויסרייניגען די צייהן, און אויב זי האָט דאָס ניט געטאָן, איז איהר טבילה קיין טבילה ניט (דאָרט, י'). די ערשטע באָד, ווי מיר האָבען געזאָגט, מוז זיין מיט וואַרימע וואַסער, דעם קאָפּ און אַלע טיילען פון קערפּער, וואו עס וואַקסט האָר, דאַרף מען טיכטיג וואַשען, די האָר פון קאָפּ מוז מען גוט אויסקאַמען מיט אַ געדיכטע קעמעל אזוי, אַז אפילו צוויי האָר זאָלען ניט זיין צוזעקלעפּט איינע צו דער צווייטער.

מיר ציטירען פון אַן אַלטען בוך „חובת נשים". „ווען זי האָט איין שטיקעל האָלץ אריינגעבראָכט אין איהר פלייש, אָדער איין שטיקעל גלאָז, אָדער אַן אַנדער זאַך, ווען עס שטעקט אַרויס פון דעם פלייש, אָדער אפילו עס שטאַרט ניט אַרויס נאָר

מען זעהט עס ארוים גלייך מיט די פלייש, איז חוציץ, מוז זי דאס פאר דער טבילה ארויסנעהמען. ווען עס איז אבער מיט הויט איינגאנצען פארדעקט, איז ניט חוציץ".

„ווען זי האט געריבען איין האנד אן דער אנדערער, אדער אן דעם לייב, קומט ארוים ווי שטיקלעך טייג, אז דאס בלייבט אויף דעם לייב אדער עס פאלט אויף דעם לייב, איז דאס חוציץ".

„ווען זי האט ניט גוט געשוווענקט איהר פארבארגענע ערטער און וואו זי האט קנייטשען, דערנאך האט זי געפונען איין פלאץ וואס איז חוציץ, העלפט די טבילה ניט".

דא איז ניט דער פלאץ צו רעדען וועגען באדען זיך אין אלגעמיין. עס איז אבער כדאי צו זאגען, אז די לעצטע עטליכע יאהר האט מען אויסגעפונען, אז אריינקריכען אין א וואנע, איידער מען האט זיך אפגערייניגט דעם שמוץ פון לייב, הייסט דאס, אז מען וואשט זיך אין דער אייגענער בלאטע. מען דארף נאר זעהן די וואסער אין א וואנע, נאכ'דעם אז א מענש באדט זיך, וואס האט זיך פריהער ניט ארומגעזעהן, כדי צו פארשטעהן וואס איך מיין. מען האט איצט איינגעפיהרט אין מאדערנע באד-אנשטאלטען די שפריץ-באד, אום פריהער אפצוּוואשען דעם שמוץ און נאכדעם ערשט נעהמט מען

אַ וואַנע. די אידישע פרוי האָט דאָס פּראַקטיצירט זייט טויזענדער יאָהרען.

איך געפין דאָס פּאַר נויטיג צו זאָגען צו מיינע אריכת-ימים׳ניקעס, אַז זיי זאָלען איינפיהרען אין זייערע הייזער דעם מנהג, איידער זיי נעהמען אַ וואַנע, זיך פריהער וואַשען די הענט און די פיס און אַלע „פאַרבאָרגענע" ערטער און ערשט דערנאָך נעהמען אַ וואַנע.

רעדענדיג איבער „די שטרענגע אידישע דינים", וועגען „רייניגען זיך" און „וואַשען זיך" זאָגט ד"ר ספּיוואַק: די תלמוד׳יסטען און זייערע נאָכפאָלגער האָבען אויפגעבויט אַ גאַנצען סיסטעם פון רייניגען דעם קערפּער, וועלכען אפילו די מאָדערנע היגיעניקער און הידראָפּאַטען קענען נאָר באַוואונדערען, אָבער ניט פאַרבעסערען. דער סיסטעם רוהט אויף פינף ווערטער „ורחץ במים את כל בשרו" (ויקרא ט"ו, ט"ז) אַז ער זאָל וואַשען זיין גאַנצען לייב מיט וואַסער — און פון די פינף ווערטער דורך לאָגישען דענקען, זיינען אויסגעוואַקסען זעקס און זיבעציג משנה׳ס, די גאַנצע גמרא נדה, וואָס ענטהאַלט הונדערט און פערציג בלעטער פון גרויסען פאָרמאַט און די פוסקים ראשונים און אחרונים וואָס פאַרנעהמען טויזענדער בלעטער אין דרוק! און דאָס אַלעס איז ניט פוסטע דבורים,

סתם געפלאפעלט, נאר איין געדאנק פליהט ארוים מיט דער שטרענגסטער לאגישקייט פון דעם פרי־הערדיגען געדאנק, און אלע געדאנקען צוזאמען שלי־סען איין גרויסע קייט, פון וועלכע יעדעם רינגעלע פארנעהמט איהר געהעריגען פלאץ. מען זאגט אין ענגליש א ווערטעל: „א קייט איז פונקט אזוי שטארק, ווי יעדע פון איהרע רינגעלעך". די גע־דאנקען־רינגעלעך פון דער נדה קייט, וועלכע זיינען באשאפען געווארען פון טויזענדער רעליגיעז בא־גייסטערטע שארפע מחות, האבען אויסגעשמידט א קייט, וועלכע האט צוזאמענגעהאלטען דעם יודענ־טום, און וועלכע איז פונקט אזוי שטארק ווי יעדער פון איהרע רינגלעך".

„די תלמוד'יסטען האבען ליעב געהאט די תורה, יעדעם ווארט און יעדען אות. זיי האבען געגלויבט, אז ס'איז אין דער תורה נישטא קיין איבעריג ווארט און אז יעדער ווארט האלט אין זיך פיעל נוצליכע חכמות, און זוכענדיג און דענקענדיג און ליעבענדיג האבען זיי געפונען גאנצע אוצרות.

„די מקוה איז דער שליסעל צום אידישען פא־מיליען־לעבען. די פינף טעג פון דער פעריאדע, און די זיבען טעג פון ריינקייט נאך די פינף טעג, און דאס רייניגען פון דעם גאנצען קערפער, זיינען פרא־צעסען וואס ווערען פארענדיגט מיט דעם געהן אין

מקוה אריין. ערשט נאך דער מקוה קענען מאן און פרוי זיך באהעפטען.

און די מקוה איז גייסטרייך און וואונדערשעהן. די גאנצע מסכת מקואות און די מעהרסטע טראקטאטען, וועלכע זיינען געווען נאך דעם פארפאסונג איבער דעם ענין, זיינען אויך געבויט אויף א זאץ פון פינף ווערטער „ורחץ בשרו במים חיים וטהר" (ויקרא ט"ו, י"ג), „און ער זאל וואשען זיין לייב מיט לעבעדיגע וואסער און זאל ריין זיין", אלע ווערטער פון דעם זאץ, האבען די תלמוד'יסטען אויסגעטייטשט אין דעם פריהערדיגען זאץ. אין דעם זאץ אבער איז דא א נייער ווארט: לעבעדיגע.

וואס הייסט לעבעדיגע וואסער? פליסענדע וואסער, ניט קיין שטעהענדיגע. וואס פאר א וואסער קען מען אנרופען „פליסענדע"? די וואסער וואס קומט פון א קוואל, וואס געפינט זיך אין א טייך און רעגען וואסער, און אויך די וואסער אין ים (מקואות ה', ד') קען מען דרינגען, אז מען קען נעהמען און אנשעפען וואסער פון א קוואל אדער א טייך, אדער רעגען וואסער, און אריינגיסען זיי אין א באד אדער וואנע און זיך טובל זיין? טאר מען ניט, ווארים עס שטעהט בפירוש אז „במים חיים" אין „לעבעדיגע וואסער" דארף ער זיך באדען, ווי

באַלד די וואַסער איז געשעפּטע (מים שאובים) איז די וואַסער ניט קיין „לעבעדיגע".

און טאַקע דאָ הויבען זיך אָן די שוועריגקייטען פון הלכות מקוה. פון אַ קוואַל קען פליסען אַ די־נינקער שטראָם וואַסער, וואָס איז גענוג צו אָפּוואַ־שען אַ האַנט, אָדער אַ פוס, אָדער דעם רוקען, אָבער ניט דעם גאַנצען קערפּער. אַ טייך אָדער ים קען זיין ניט טיעף, און אַזוי ווייטער, איז דער דין, אַז אַ מקוה מוז האָבען לעבעדיגע וואַסער, און דאַרף זיין גרויס גענוג, אַז אַן ערוואַקסענער מענש זאָל שטעהענדיג זיך קאָנען אונטערטונקען אויף אַזאַ באַקוועמען אופן, אַז די וואַסער זאָל צוקומען צו יעדען טהייל פון זיין קערפּער".

ווי גרויס זאָל זיין די מקוה? זי דאַרף ענט־האַלטען דריי קוביג איילען (איין אייל די לענג פון עלענבויגען ביז דעם שפּיץ פון דעם מיטעלסטען פינגער) וואַסער, איין אייל אויף איין אייל אין דער ברייט און דריי איילען הויך, ווי פיעל וואַסער גע־פינט זיך אין דריי קוביק איילען? פערציג סאה (אַ סאה איז גלייך צו 246 אייער), און נאָך דעם מאָדערנעם חשבון קומט אוים אַן ערך פון אַכט הונ־דערט ליטער וואַסער"..

„אַזוי ווי די מקוה איז, ווי מיר האָבען געזאָגט

פריהער, דער שליסעל צום גליקליכען און זויבערען פארהייראטען לעבען פון אידען, אזוי איז זי געוואָרען די וויכטיגסטע אנשטאלט פון כלל ישראל, וואו אידען האָבען זיך באזעצט איז די ערשטע פליכט פון די פיהרער פון דער קהלה געווען צו באשאפען א מקוה. פון דער גמרא מקואות קען מען זעהן, ווי אידען האָבען געזוכט און גענישטערט נאָך וואַסער. עס איז ניטא קיין זאמלונג פון וואסער, וועלכע ווערט נישט דערמאָנט אין דער גמרא, וואסער אין גריבער, וואסער אין שאזשעלקעס, וואסער אין היילען, וואסער וואָס רינט פון בערג, רעגען וואסער, שניי וואסער, האָגעל וואסער, וואסער פון צוגאנגענע אייז, וואסער פון כוואליעס פון ים, וואסער פון א טייך וואָס פליסט דורך א רעהר און אזוי ווייטער. די דינים בנוגע צו מקוה זיינען אזוי פיעל פאכיג און טיעפזיניג — און אלץ איז געבויט אויף די ווערטער „לעבעדיגע וואסער". א מקוה מוז געמאכט ווערען נאָר דורך א רב וואָס איז א מומחה לרבים און וואָס איז גרויס אין תורה, און טאָמער האָט פאסירט עפּעס אָן ענדערונג אין דער מקוה, צו קליין אָדער צו גרויס, זאָל מען באלד פרעגען א חכם".

„די וויכטיגקייט פון א מקוה קען מען זעהן פון דעם פאקט, אז מען האָט ערלויבט צו פארקויפען א

שוהל אום צו קענען אויפבויען אַ מקוה" (משיב דבר, ח"ש, מ"ה).

„אפילו אין שטעדט וואו עס זיינען דאַ גרויסע טייכען, האָבען אידען געמוזט בויען מקואות, מחמת אין דעם מיטעלאַלטער זיינען די רדיפות געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט פאַרבאָטען אידישע פרוי־ען צו באָדען זיך אין די טייכען. (דזשואיש ענציק־לאָפעדיא, ווארט באטה).

„און קיין זאַך איז ניט געווען צו שווער פאַר דער אידישער פרוי אויסצופיהרען דעם שעהנעם מנהג פון געהן אין מקוה. די אידען וואָס וואוינען אין דערפער אין רוסלאַנד, אין רומעניען און גאַלי־ציען און קענען זיך ניט פאַרגינען צו פאָהרען אין אַ שטאָדט וואו ס'איז דאָ א מקוה, פלעגען זיך אין ווינטער צייט טובל'ען אין אַ „פּאַלאָנקע", מען פלעגט אויסהאַקען אַ לאָך אין דעם אייז, אַריינגיסען אַ פּאָר עמער הייסע וואַסער, און די פרוי פלעגט אַריינשפּרינגען און זיך טובל זיין".

„אַזוי האָבען אונזערע מאַמעס אָפּגעהיט די ריינליכקייט פון זייערע קערפּערס און די ריינליכ־קייט פון זייערע נשמות! דאָס זיינען געווען מענ־שען וואָס האָבען זיך מוסר נפש געווען פאַר אַ פּרינ־ציפּ".

„איך וועל זיך מיר ערלויבען צו ציטירען פון

דעם אלטען ביכעלע „חובת נשים“ אייניגע פאראגראפען ווי אזוי די טבילה איז צוגעגאנגען“.

„איין אשה זאל זיין א צנועה, ווען זי איז זיך טובל, דהיינו, זי זאל געהן טבילה בצניעות, עס זאל קיינער ניט וויסען און די, וואס דערצעהלט איטליכען ווען זי געהט טבילה, הייסט אזוי ווי א בהמה. אויף איהר איז געזאגט געווארען „ארור שוכב עם כל בהמה“ (דברים כ"ז, כ"א), איז דער טייטש פארפלוכט זאל זיין דער וואס ליעגט מיט א בהמה, ע"כ זאל זי זיך אפהיטען“.

„מיט דער ברכה זאלען זיי נזהר זיין ווי דער של"ה הקדוש שרייבט, אז אנשי מעשה זאלען מזהיר זיין זייערע ווייבער זיי זאלען זיך פריהער טובל זיין און דערנאך מאכען די ברכה“.

„ווען זי מאכט די ברכה זאל זי ניט אריינגעהן אין וואסער, נאר ארויס, איז עס רעכט אז זי זאל ליגען די הענט אויף דעם הארץ בשעת ברכה“.

„בשעת טבילה זאל זי קיינער ניט צוהאלטען, ווען עס איז קיין ברירה, אז מען מוז זי צוהאלטען, זאלען די ווייבער פריהער די הענט איינטונקען אין מקוה און מיט נאסע הענט זי צוהאלטען“.

„זי מוז זיך טובל זיין דעם גאנצען גוף מיט איין מאל, ניט ביסלעכווייז, דהיינו, זי זאל ניט טובל זיין פריהער איין האנד און דערנאך די אנדערע און דאס

גלייכען, זי מוז מיט איין מאָל דעם גאַנצען גוף מיט דעם קאָפּ אין וואַסער אַריינטאָן".

"דעם טאָג וואָס זי דאַרף ביינאַכט טבילה האָבען, זאָל זי ניט עסען פלייש אַ גאַנצען טאָג".

„ווען עס קומט שטיקלעך בלאָטע אָדער שפּענדלעך צווישען די פינגער פון די פיס, העלפט ניט די טבילה".

„זי זאָל זיך ניט טובל זיין אויף אַן אָרט וואו מענשען קומען, מחמת זי וועט זיך איילען צו טובל'ן מען זאָל זי ניט זעהן, וועט זי ניט מדקדק זיין גוט זיך טובל'ען".

„זי זאָל זיך ניט טובל זיין גלייך אויפגעשטעלט אָדער גלייך אויפגעזעצט, וואָרים עס איז דאָ ערטער וואָס ווערען פאַרבאָרגען, אַז זי טוט אַזוי".

„זי זאָל זיך נאָר אַביסעל בויגען, אַזוי ווי זי וואָלגערט טייג, כדי דאָס וואַסער זאָל קומען אין אַלע ערטער, אונטער די אָרימס און אונטער די בריסט".

„די הענט און די פיס זאָל זי האַלטען אין וואַסער גלייך ווי זי געהט אויף דער גאַס. ווען זי האָט גוט צוגעדריקט די הענט און די פיס, אַז דאָס וואַסער זאָל ניט קענען אַריינקומען, העלפט ניט די טבילה".

"אַמוועניגסטענס זאָל דאָס וואַסער פון דער מקוה גרייכען אין פינגער העכער פון דעם נאָפּעל".

„זי זאָל ניט שטאַרק צוהאַלטען די אויגען און די ליפען און אויך ניט צו איבעריג עפענען, ווען זי האַלט שטאַרק צו אָדער שטאַרק אָפען העלפט ניט די טבילה".

„זי זאָל ניט מאַכען די טבילה איילענדיג, נאָר מיט ישוב הדעת, און זי זאָל מאַכען די ברכה מיט שמחה, זי זאָל זיך ניט שרעקען, ובזכות די גרויסע מצוה וועט צו איהר קיין שלעכטס ניט קומען, זי וועט ניצול ווערען פון אַלע בייזען, וואויל צו איהר, וואויל צו איהר נשמה, זי וועט אוודאי מגדל זיין תלמידי חכמים. ווען זי איז אָבער ניט נזהר אין דעם אַלעמען, וועה צו איהר און וועה איז צו איהר נשמה. זי וואוינט מיט איהר מאַן אין דער נדה און איהר נשמה וועט געשליידערט ווערען בתוך כף הקלע, דעם גוף וועלען מלאכי חבלה צורייסען".

„עס מוז שטעהן איין יהודית ווען זי איז זיך טובל, כדי אַז זי זאָל זעהן אַז די טבילה זאָל גוט זיין, עס זאָל עפּעס ניט אַרויסשטעקען פון דעם וואַסער, ובפרט קיין האָר זאָל ניט אַרויסשטעקען".

זאָל זיין גענוג. איך האָב ניט אויסגעשעפּט דאָס ביכעלע פון „חובת נשים". איך האָב מעהר ניט ציטירט נאָר אַזעלכע פּאַראַגראַפען וואָס אילוסטרירען איינינע וויכטיגע פרטים בנוגע צו דעם רייניגען זיך פון דער פרוי נאָך איהר אומריינקייט.

„צום סוף וויל איך זאגען: אונזער חכמה און אונזער גייסטיג גבורה און אונזער לאנג לעבען אלס פאלק, האבען מיר אין א גרויסער מאס צו פארדאנקען דער מקוה. ווען די אידען זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים און האבען געוואנדערט אין דער מדבר, דערצעהלט אונז די תורה, איז א וואלקען זייל האט זיי געפיהרט אויפ'ן וועג בייטאג, און א פייער-זייל האט באלויכטען זייער וועג ביינאכט. אין דעם צוויי טויזענד יעהריגען וואנדערען אויף דעם שווערען וועג פון דעם גלות האט אונז באגלייט דער וואסער-זייל — די מקוה!“

* * *

מאונט סיני האספיטאל, וועלכער צייכענט זיך ניט אוים מיט זיין אידישקייט, וועלכער פיהרט זיך טרפה אהן אונטערשייד פון מילכיגס און פליישיגס, מען האלט ניט פון אידישע ימים טובים, אבער מען היט אפ קריסטמעס; אבער מאונט סיני האספיטאל האט זיך ערווארבען א שעהנעם נאמען איבער'ן לאנד, פון וועלכען עס קומען ארוים וויכטיגע באאבאכטונגען און ערפינדונגען אויף אלע געביטען פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט, און די מעדיצינישע וועלט הערט זיך צו צו זייערע ווערטער, דער גרעסטער טהייל פון דעם מעדיצינישען סטעף זיינען דייטשע אידען — וועלכע זיינען ווייט צו פאראידישען זייער וויסענשאפט.

אַט אין דיעזען מאָונט סיני האָספּיטאל איז דאָ אַן אָפּטיילונג פאַר פרויען קראַנקהייטען, אין האָס־פּיטאל און אין דיספּענסארי, וועלכע די מעהרסטע וואָס געהען אהין זיינען אָרימע פרויען, וואָס זייגען ניט אימשטאַנד צו באַצאָהלען פאַר זייער וויזיט צו אַ פּריוואַט דאָקטאָר.

ד"ר הייראם נ. וויינבערג, דער הויפּט פון דער אָפּטיילונג האָט פאַרעפענטליכט אַן ארבייט אונ־טער דעם קעפּעל „די רעלאַטיווע זעלטענהייט פון קאַנסער פון דער געביהר מוטער אין פרויען פון דער אידישער ראַסע" (אין בייטראַגען צו מעדיצינישע און ביאָלאָגישע פאַרשונגען, געווידמעט צו סיר וויליאַם אָסלער, באַראָנעט, צו עהרע פון זיין זיעבציג־סטען געבורטסטאָג, יולי דעם 12טען, 1919, פון זייגע תלמידים און מיטאַרבייטער, ניו יאָרק, פּאול ב. העבער, 1919, צווייטער באַנד, זייטע 1217). ד"ר וויינבערג שרייבט, אַז ער האָט געמאַכט אַ גרינדלי־כע אונטערזוכונג איבער דער צאָהל פרויען וואָס האָבען באַזוכט די דיספּענסארי פון דעם יאָהר 1893 ביז דעם יאָהר 1906. פון די 19 טויזענד און 800 פרויען, וועלכע האָבען באַזוכט די דיספּענסארי אין דעם משך פון די דרייצעהן יאָהר האָט מען געפונען אַכצעהן פּעלע פון קאַנסער פון סערוויקס (געבער־מוטער עפענונג). ד"ר וויינבערג זאָגט, אַז אומגע־

פעהר פינף און ניינציג פראָצענט פון באַזוכער זיי־
נען געווען אידישע פרויען, אָדער אַ סך הכל פון
18,910 אידישע פרויען לגבי 990 ניט אידישע. פון
אַכצעהן פעלע פון קאַנסער זיינען געווען ניין ביי
אידישע פרויען און ניין ביי ניט אידישע, אָדער אין
אַנדערע ווערטער: ביי אידישע פרויען איז געווען
איין פאַל פון קאַנסער אויף 2101 באַזוכער און ביי
ניט אידישע פרויען איז געווען איין פאַל פון קאַנ־
סער אויף 110 באַזוכער, אָדער כמעט צוואַנציג מאָל
אַזוי פיעל קאַנסער ביי ניט אידישע פרויען ווי ביי
אידישע.

ד"ר וויינבערג שרייבט ווייטער, אַז זיין מיט־
אַרבייטער און פריינד ד"ר מ. רובין האָט געמאַכט
אַ זעהר גרינדליכע אונטערזוכונג אין דער דיספּענ־
סארי פון דעם יאָהר 1909 ביז דעם יאָהר 1918. די
צאָהל פון אַלע באַזוכער איז געווען דרייסיג טוי־
זענד. פון דיעזער צאָהל זיינען געווען 28 טויזענד
און ניט אידישע 2000. די צאָהל פרויען וועלכע
האָבען געליטען פון קענסער אויף דער מוטער לייב
איז געווען 20, פון זיי האָבען אידישע פרויען געל־
טען 13 און ניט אידישע 7, אָדער אין אַנדערע ווער־
טער: ביי אידען איז געווען איין פאַל פון קענסער
אויף 2154 פרויען, און ביי ניט אידישע — איין פאַל
פון קאַנסער אויף 285 פרויען. דאָס הייסט, אַז ניט

אידישע פרויען האָבען געליטען פון קאַנסער פּ׳ן דער מוטער-לייב זיבען און אַ האלב מאָל אַזוי פּײַל וויפיעל אידישע.

דאָקטאָר רובין האָט זיך ניט געפוילט און האָט אויך גרינדליך אונטערזוכט די רשימות פון אַלע פאַלען פון פרויען קראַנקהייטען, וועלכע זיינען גע־לעגען אין האָספיטאל פון 1911 ביז 1918. די צאָהל איז געווען 30 טויזענד. צווישען זיי האָט מען גע־פונען 65 פאַלען פון קאַנסער פון דער געבער מו־טער עפענונג, 32 פאַלען ביי אידישע פרויען און 33 פאַלען ביי ניט אידישע. אַזוי ווי די צאָהל פון אי־דישע און ניט אידישע וועלכע האָבען באַזוכט דעם האָספיטאל איז געווען דיזעלבע ווי אין דער דיס־פענסערי, קומט אויס, אַז אידישע פרויען האָבען געליטען פון קאַנסער איינע אין ניין הונדערט און זיבען און דרייסיג פאַלען און ניט אידישע פרויען— איינע אין 61 פאַלען, אָדער אין אַנדערע ווערטער, די ניט אידישע פרויען האָבען געליטען פופצעהן מאָל אַזוי פיעל פון קאַנסער ווי די אידישע.

צום שלוס פון דעם העכסט באַלעהרענדען פאָר־טראַג, פרעגט ד״ר וויינבערג וואָס זאָל דאָס באַ־דייטען? דער פאַקט איז אומשטרייטבאַר פעסט־געשטעלט, אַז אידישע פרויען ליידען פופצעהן מאָל ווייניגער פון קאַנסער פון דער מוטער לייב עפענונג

ווי ניט אידישע. אי די אידישע פרויען, אי די ניט אידישע קומען פון ארימען קלאס, וואו די לעבענס-באדינגונגען זיינען דיזעלבע בנוגע צו היגיענישע איינריכטונגען. און ער זאגט בזה הלשון:

"די פראגע איז, צו וועלכער אורזאכע קען מען צושרייבען די באשיצונג (אימוניטעט) פון קאנסער פון דעם געשלעכטס-ארגאן? וואס איז דא אזוינס אין דעם ארט לעבען און זיטען ביי אידען, וואס אונטערשיידט זיי פון די אנדערע ארימע? אויף וויפיעל דער שרייבער ווייסט, האט נאך קיינער פון די וואס האבען געשריבען איבער דעם געגענשטאנד געגעבען אן ערקלעהרונג."

"ס'איז מיר איינגעפאלען דער געדאנק, אז דער בולט'ער אונטערשייד פון דעם ארט לעבען און זי-טען צווישען אידישע פרויען און די פרויען פון אנ-דערע רעליגיאנען באשטעהט אין זייער שטרענגען אפהיטען פון תורת משה אין אלץ וואס איז שייך צו זייער פארהייראטען לעבען".

"די תורה הייסט (ויקרא ט"ו, י"ט), אז די פר' זאל ציילען זיעבען אומריינע טעג (עם מאכט ניט אוים אויב דער בלוט-פלוס געדויערט אזוי לאנג אדער ניט). (דער דין איז אבער, אז אויב דער בלוט-פלוס געדויערט מעהר ניט ווי פינף טעג, קען די פרוי מאכען דעם אבצוג (הפסק טהרה) אין פינפ-

טען טאָג און נאָכהער צעהלען די זיבען ריינע טעג).
(מחבר.) — נאָכהער זיבען ריינע טעג איידער זי גייהט אין מקוה אריין און קען האָבען באַציהונגען מיט איהר מאַן. אויב דער בלוט-פלוס דויערט מעהר פון זיבען טעג, אָדער זי זעהט אַ בלוט-פלעק אין די זיעבען ריינע טעג, אין פאַלען פון בלוט-פלוס, קען פּאַסירען אַ פרוי זאָל מאָנאַטען לאַנג ניט זיין מיט איהר מאַן".

„נאָכ'ן קימפּעט פאַרבאָט די תורה (ויקרא י"ב) דעם ביישלאָף פערציג טעג נאָך דעם געבורט פון אַ אינגעל און אַכציג טעג נאָך דעם געבורט פון אַ מיידעל. מיין פריינד ד"ר דע פול דערצעהלט מיר, אַז איין זעקסטעל פון תלמוד פאַרנעהמט זיך מיט די כללים בנוגע צו פרויען, אריינרעכענענדיג די כללים פון הייראט, גטין און נדה".

„עס איז גוט באַוואוסט, אַז די ניט אידישע פרויען, ניט נאָר היטען זיי ניט אָפּ אַזעלכע כללים, נאָר אדרבא, זיי גיבען נאָך דעם יצר הרע אפילו אין דער צייט פון זייער נדה און מאַכען ניט קיין שהיות נאָכ'ן קימפּעט".

„אַלע זיינען מסכים, אַז איינער פון די הויפּט־זאַכען, וועלכע פאַראורזאַכען קאַנסער, איז אַ דור־ערענדער רייץ אָדער רייבונג, ספּעציעל אונטער

אומגינסטיגע אומשטענדען. אז דער געשלעכטלי־
כער רייץ איז א וויכטיגע אורזאכע ווייזט דער
פאקט, אז א קאנסער פון געבעהר־מוטער עפענונג
קומט פאר אפטער ביי פארהייראטע פרויען ווי ביי
אומפארהייראטע."

„די ארטאדאקסישע פרוי, וועלכע איז מקיים
די מצוה פון נדה, איז אונטערוואָרפען צום גע־
שלעכטליכען רייץ מעהר ניט ווי געניע צוויי וואָ־
כען אין יעדען חודש".

און ד"ר ספיוואק ענדיגט מיט די פאָלגענדע
ווערטער:

„איך האָב זיך באנוצט מיט די אויבען באשרי־
בענע אויספאָרשונגען פון ד"ר וויינבערג, און שטי־
צענדיג זיך אויף זיינע וויסענשאפטליכע שלוסען,
האָב איך געהאלטען א דרשה פאר פרויען אין דער
קאנסער וואָך, אין וועלכער די גרעסטע דאָקטוירים
און היגיעניקער פון לאנד האָבען גערעדט אויף
עפענטליכע פארזאמלונגען, אום צו פארמיידען דעם
שרעקליכען קאנסער, וואָס נעהמט צו יעדעס יאָהר
אכציג טויזענד מענשען פון יונייטעד סטייטס און
טויטעט זיי פאר דער צייט. און איך האָב אפע־
לירט צו די פרויען, אז זיי זאָלען אפהיטען די דינים
פון נדה און פון א קינפעטאָרען".

„עס מעג קלינגען קאָמיש, ווען איך, דער רוי־טער שבָרויטער, פאַר ווענמען דער „פאָרווערטס" און די „פרייע ארבייטער שטימע" זיינען ניט רויט גע־נוג פון אַ פאָליטיש עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט, זאָל שטעהן אויף דער בימה און רופען דעם אידי־שען עולם, אַז ער זאָל זיך אומקעהרען צו זיינע אַלטע דינים און מנהגים".

„איך מוז אָבער מודה זיין, אַז איך האָב אין זיך אויסגעפונען דאָס געמיינשאַפטליכע מיט דעם אַמאָליגען מגיד און מוסר'ניק, און ניט נור שעהם איך זיך ניט, נאָר אדרבא, איך בין געווען גליקליך, ווען איך האָב אין זיך דערפיהלט דעמזעלבען ברען און דיזעלבע התלהבות. אַ רעליגיעזע התלהבות כאַפּט מיך ארום, ווען איך דענק, אַז מיין שטימע וועט גרייכען צו די אויערען און די הערצער פון הונדערטער טויזענדער:

„ריינינגט אייך און זייט געהייליגט!"

און איך וועל ענדיגען און זאָגען צו זיי ביידען: אַ הארציגען דאַנק אייך, הויכ־געשעצטע און געלעהרטע דאָקטוירים! פאַר אייערע גרינדליכע אונטערזוכונגען פון אַזאַ אונגעהוי־ער מאַטעריאל און פאַר דעם לאַגישען שלום צו וועלכען איהר קומט. איהר האָט אונטערשטיצט און פאַרשטאַרקט די אמונה אין דער וויכטיגקייט

פון אפּהיטען די דינים פון נדה פאר דער געזונדהייט פון דער פרוי און פאר דאס פארלענגערען פון דעם לעבען פון דעם אידישען פאלק!

---

## סאניטארישע מקואות.

איינע פון די גרעסטע שטערונגען, וואָרום די מעהרסטע אידישע פרויען געהען ניט אין טבילה, איז וואס געוויסע מקוואות ווערען געהאלטען אונ־סאניטאריש. די רומס וואו די באטהס געפינען זיך זיינען שווארץ פון שטויב און בלאטע, די פלארס ווערען ניט געוואשען, און איבערהויפּט וואס די וואסערען אין די מקוואות זיינען ניט ריין; אזוי ווייט זיינען געוויסע מקוואות געווען אונסאניטא־ריש, אז די „באארד אף העלטה" איז געווען גע־צוואונגען מיט איניגע יאהר צוריק ארויסצוקומען מיט א ווארנונג, אז אויב די מקוואות וועלען ניט געהאלטען ווערען אונטער סאניטארישען אויפזיכט, וועט די „באארד אף העלטה" זיין געצוואונגען צו פארמאכען די בתי טבילה.

אין די אלטע צייטען, ווען די בעדער אין אלגע־מיין זיינען געבויט געווארען מיט די פּרימיטיווסטע מיטלען, ווען הייסע וואסער האט מען געמוזט ווארי־מען אין גרויסע קעסלען, וועלכע זיינען געווען גע־

הייצט מיט גרויסע שטיקער האָלץ, און היץ האָט מען אַרויסגעקראַגען דורך גיסענדיג שעפלעך וואַסער אויף הייסע שטיינער, און קאַלטע וואַסער האָט מען געצויגען מיט שטריק פון די ברונימער — אין יענע צייטען איז אָנגעקומען אַ מקוה צו שאַפען מיט די גרעסטע שוועריגקייטען און איבערהויפּט איז געווען שווער נאָכצוקומען דעם אידישען דין, אַז די וואַסער פון מקוה זאָל ניט זיין קיין מים שאובים.

אין יענע צייטען, ווען די וואַסער פון די מקוואות האָט מען ניט געקענט בייטען אָפט, איז נאַטירליך, אַז די מקוואות זיינען געווען אין אַ שרעקליכען אונסאַניטאַרישען צושטאַנד. דער גערוך פון דער מקוה האָט אָפּגעגעבען גאַנץ ווייט, און דערצו זיינען די בעדער געווען שרעקליך אָפּגעלאָזען און די פרויען זיינען געווען געצוואונגען אויסצוטאָן זיך אין קעלט און אין שמוץ און די וואַסער פון מקוה איז געווען קאַלט, נאָר אַ דאַנק צו די מסירות נפש פון די הייליגע מוטערס האָט זיי דיזעס ניט אָפּגעהאַלטען אום צו מקיים זיין די הייליגע מצוה פון טבילה, און זיי האָט ניט אָפּגעהאַלטען אפילו צו ברעכען דעם אייז און טובל זיין זיך אין די גרעסטע פרעסט אין די טייכען.

אויך אין די צייטען פון די חכמי התלמוד געפינען מיר דעם שרעקליכען צושטאַנד פון די פּלע-

צער וואו מען האָט זיך טובל געווען. די וואַסער פון די פאַרשיידענע פּלעצער, וואו מען האָט זיך טובל געווען איז געווען זעהר שמוציג, און די מענשען, וועלכע האָבען זיך אין זיי טובל געווען, פלעגען גלייך ביי זייער אַרויסגאַנג זיך אָפּגיסען מיט ריינע וואַסער, און דיזעס האָט מיט־געבראַכט אַז מיט דער צייט האָבען זיך די מאַסען איינגערעדט, אַז ניט די מקוה איז מטהר, זאָנדערן די ריינע וואַסער וואָס זיי גיסען זיך אָפּ איז מטהר, און די חכמי התלמוד האָבען איינגעזעהן די גע־פאַהר, אַז מיט דער צייט וועט דאָס פאָלק מבטל זיין די מקואות און זיך באַנוגענען מיט דעם אָפּגיסען זיך מיט מים שאובים, וואָס דאָס העלפט ניט אַז דער מענש זאָל זיין טהור, האָבען די חכמי התלמוד גלייך אָנגענומען איינע פון די אכצעהן וואַ־כען וואָס זיי האָבען גוזר געווען „בעלית חנניה בן חזקיה", די גזירה, „אַז דער יעניגער וואָס וועט אויף זיך אַרויפגיסען דריי קוואַרט אָנגעשעפּטע וואַסער, נאָכדעם ווי ער איז זיך טובל אין די אָנגעזאַמעלטע רעגען־וואַסער פון די היילען—זאָל ער בלייבען טמא און די טבילה זאָל איהם ניט העלפען (שבת, י"ד; גיטין ט"ז).

דאָס זיינען אַלץ געווען אַמאָל, ווען בעסערס האָט מען ניט געקענט שאַפען, און אַ דאַנק צו די

